STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04827

DOS TOYRE IDENTUM UN DI MEDINE

Uriel Tsimer

*Permanent preservation of this book was made possible
by Harris A. Platt
in memory of
his grandparents, Abraham & Yetta Wolinsky*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בנימין דוד וואללנער
DAVID WOLLNER

דאָס תורה אידענטום און די מדינה

בנימין דוד וואללנער
DAVID WOLLNER

בנימין דוד וואללנער
DAVID WOLLNER



בס"ד

אוריאל צימער ז"ל

דאָס תורה אידענטום און די מדינה

אויפקלערונגען און באַלייכטונגען וועגן דער באַציאונג פון תורה אידענטום צום ציוניזם און צו דער מדינה, און אַביסעל היסטאָריע פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט

איבערזעצט און אַרויסגעגעבן דורך:

דער איד

אָרגאַן פון אומאָפּהענגיגען אָרטאָדאָקסישען אידענטום אין אַמעריקע

DER YID

ברוקלין, נ. י. — שנת תשכ"ג

Published by:

"Der Yid" Publ. Ass'n

134 Broadway, Brooklyn 11, N. Y.

PRINTED IN U.S.A. BY

DEUTSCH PRINTING & PUBLISHING CO.

150 MARCY AVENUE, BROOKLYN 11, N. Y.

פאָרוואָרט

איך בין באַאויפטראַגט געוואָרען אַנצושרייבען אַן איינלייטונג צו אַט דער בראָשור, אַן איבערזעצונג פון דעם חבור וואָס מיין מאַן ז״ל האָט מיט פיר יאָר צוריק געשריבען סיי אין לשון קודש, אונטער דעם טיטל „יהדות התורה והמדינה״, און סיי אין ענגליש אונטער׳ן נאָמען "Torah-Judaism and the State of Israel".

עס איז אַ שווערע אויפגאַבע פאַר מיר צו שרייבען אַ הקדמה. מיין מאַן האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט׳ן געדאַנק אַט די בראָשור אַליין צו איבערזעצען און עס איז זיכער אַז ער אַליין וואָלט די פּאַסיגסטע הקדמה געקענט שרייבען.

ליידער איז עס צו דעם נישט געקומען. און איך בין דאַנקבאַר פאַר די וועלכע האָבען זיך אונטערגענומען עס צו איבערזעצען און אַרויסגעבען.

אַרומצורעדען די פּערזענליכקייט וואָס מיין מאַן ז״ל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איז מיר אוממעגליך. כ׳וויל נאָר דערמאַנען אַז זיין גאַנץ לעבען האָט ער מקדיש געווען אויף צו פאַרשפּרייטען אידיש־קייט, אויף צו פאַרשפּרייטען דעם אמת. די שווערסטע פיזישע ליידען האָבען אים נישט געקענט דערפון אָפּהאַלטען. ער האָט געקעמפט און געליטען פאַר׳ן אמת, געוואָלט אַז מענטשען זאָלען פאַרשטיין. דאָס האָט אים אויך מיט פיר יאָר צוריק באַוואויגען אָנצושרייבען אַט דעם חבור.

ט׳ כסלו איז מיין מאַנ׳ס ז״ל ערשטער יאָרצייט. זאָל זיין אָנדענק מיט׳ן לייענען, פאַרשפּרייטען און באַנעמען די אַלע השקפות וואָס ווערען אין אַט דער בראָשור אַרויסגעבראַכט, געערט בלייבען פאַר אייביג.

ר י י ז ל   צ י מ ע ר

קורצע ביאָגראַפיע פון מחבר

ר׳ אוריאל צימער ז״ל, דער מחבר פון דער דאָזיגער בראָשור, איז געבוירען אין וויען אין חודש כסלו שנת תרפ״ב. אין יאָהר תרצ״ד, אין בר־מצוה עלטער, איז ער מיט זיינע עלטערן געקומען קיין ארץ ישראל. זיינע עלטערן האָבען זיך באַזעצט אין חיפה, אָבער דעם קליינעם אוריאל האָט געצויגען קיין ירושלים, צו מאה שערים. ער האָט געלערנט אין דער חברונ׳ער ישיבה אַ שטיקעל צייט און ער איז דאָרט געוואָרען איינער פון די מצויינים, ערשטוינענדיג אַלע מיט זיין התמדה און עילוי׳אישע כשרונות. שפּעטער איז ער אַריבער אין דער ישיבה פון הרב דושינסקי זצ״ל, און דאָרט איז ער געשטיגען בתורה ויראה. ער איז באַלד געוואָרען איינער פון די מיטבויער און באַשיצער פון די הייליגע מויערען.

אין תרצ״ט האָט ר׳ אוריאל צימער ע״ה אָנגעפאַנגען שרייבען אין דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע, און ער האָט בייגעשטייערט פילע הונדערטער וויכטיגע אַרטיקלען איבער די ענינים העומדים ברומו של עולם פון אָרטאָדאָקסישען אידענטום.

ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער ירושלימ׳ער טאָג־צייטונג „הקול״ — די צייטונג פון רעכטען פליגעל פון דער אגודת ישראל (דעמאָלט די איינציגע אגודה־צייטונג אין ארץ ישראל) און ביז׳ן לעצטען טאָג פון זיין לעבען האָט ער אָפיציעל פיגורירט אַלס איר רעדאַקטאָר.

מיט עלף יאָהר צוריק איז ער געקומען קיין אַמעריקע און ער האָט זיך באַזעצט אין וויליאַמסבורג אין ברוקלין. ווען אונזער צייטונג „דער איד״ איז אַריבער צו זיין נייער אַדמיניסטראַציע מיט אַכט יאָהר צוריק, איז ער געוואָרען באַשטימט אַלס רעדאַקטאָר. שפּעטער האָט ער צוליב זיין קראַנקהייט זיך צוריקגעצויגען און פאַרבליבען אונזער שטענדיגער מיטאַרבייטער. ער פלעגט שרייבען אונטער דעם נאָמען: א. באַסיק. זיינע אַרטיקלען האָבען זיך שטענדיג אויסגע־

צייכענט מיט זיין קלאָרען און אַנאַליטישען צוגאַנג, און זיי האָבען תמיד שטאַרק אויסגענומען ביי די לייענער. ער האָט מיטגעווייטאָגט מיט יעדען וואָרט וואָס ער האָט געקלאָגט אויף דעם שפל המצב פון אידישקייט.

זיינע אַרטיקלען זיינען אַלעמאָל געווען זאַכליך און קלאָר, אויס־געהאַלטען און פאַראַנטוואָרטליך. דערצו האָט ער געהאַט אַן אייגענ־אַרטיגען סטיל אין שרייבען, וואָס האָט שטענדיג אַנגעוויזען אויף זיין אויפריכטיגקייט און ערנסטקייט. ער האָט נישט גענוצט קיין פליגעלדיגע מליצות און גאַרנישט מיינענדיגע פראַזעאָלאָגיעס. זיין שרייבען איז געווען פול מיט תוכן און פאַרשטאַנד. זיינע אַרטיקלען האָבען פאַר־מאָגט וואָג, דרייסטקייט און אָפּענהאַרציגקייט. ר׳ אוריאל צימער איז געווען אַ שם דבר און מיט זיין מיינונג האָט מען זיך גערעכענט.

ער האָט אויך אָפט געשריבען אַרטיקלען אין דער לאָנדאָנער וואָכענצייטונג „די אידישע פּאָוסט” און אין פּאַריזער „אמונתנו”. זיינע אַרטיקלען זיינען אָפטמאָל געוואָרען איבערגעדרוקט אין אַנדערע צייטונגען. צוליב זיינע שאַרפע און אָפענהאַרציגע אַרויסטריטען איז ער אָפטמאָל געווען דאָס צילבערט פאַר געמיינע אַנפאַלען.

ר׳ אוריאל צימער איז געווען אַ גרויסער שפּראַכען קענער. ער האָט איבערגעזעצט אַ טייל פון די ווערק פון רבי שמשון רפאל הירש זצ״ל פון דייטש אויף לשון הקודש; די עסייען פון ד״ר נתן בירנבוים; די שירים פון הקדוש יעקב ישראל דע־האַן פון האָלענדיש אויף לשון קודש; די עסייען פון ר׳ יעקב ראָזענהיים פון דייטש אויף ענגליש; און דעם „תניא” פון לשון הקודש אויף אידיש.

ער האָט באַזיצט הויכע בילדונג און איז אויך געווען אַ קאָרעס־פּאָנדענט ביי דער יו־ען. מיט זיין הדרת פנים׳דיגען אויסזען און טראַדיציאָנעלען לבוש האָט ער אַרויסגערופען רעספּעקט און יראת הכבוד ביי די נישט־אידישע קאָרעספּאָנדענטען.

ר׳ אוריאל צימער ע״ה האָט אַ סך אַרומגערייזט איבער׳ן איי־ראָפּעאישען קאָנטינענט, איינשליסענדיג טערקיי און ער האָט אויך באַרייזט לאַטיין אַמעריקע. נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה האָט ער

באזוכט די די־פּי־קעמפּס פון דער שארית הפליטה און ער האָט דאָרט פיל בייגעטראָגען צו דער רעטונגס־אַרבעט.

ר׳ אוריאל איז געווען אַ נאָבעלע פּערזענליכקייט אין געהויבענעם זין פון וואָרט. אַ מענטש אַ מושלם און בעל מדריגה, וועלכער האָט נישט דעמאָנסטרירט זיינע מעלות און פעהיגקייטען כלפּי חוץ. ער האָט פאַרמאָגט אַ שלל ידיעות און איז געווען באַהאַוועגט אין יעדען דבר קטן וגדול. ער איז געווען אַ האַרציגער מענטש און אָנגענעמער שמועסער. אין יעדען ענין וואָס מען האָט מיט אים גערעדט איז ער אומעטום געווען „אינדערהיים". ער האָט געקענט אויסגעצייכענט די פאַרהעלטענישען פון יעדען קרייז, ער האָט געוואוסט די טראַדיציעס און מנהגים פון יעדען ציבור, און ער האָט גרונטליך באַנומען און תופס געווען יעדען דרך. עס איז געווען אַ פאַרגעניגען מיט איהם צו פאַרברענגען אין אַ שמועס.

ער האָט געהאַט די פעהיגקייטען צו פאַרשטיין אַ צווייטען — יחידים און רבים, — און ער האָט פאַרמאָגט טיפען פאַרשטאַנד צו באַאָבאַכטען און טיף אינערליך אַריינצודרינגען אין דעם צוויי־טענס אינערליכע ראַנגלענישען און קאָנפליקטען. און ווייל ער האָט געקענט אַריינדרינגען טיף אין יענעמ׳ס האַרץ, און ווייל ער איז געווען דער איש האמת און פיינט געהאַט צביעות און פאַלשקייט בתכלית השנאה, דעריבער האָט ער זיך נישט צוריקגעהאַלטען פון קריטיקירען און מוסר׳ן מיט ריקזיכטלאָזער שאַרפקייט.

„משנה עתים ומחליף את הזמנים ומסדר את הכוכבים במשמרותיהם ברקיע כרצונו". — די השגחה עליונה ברענגט אַ חילוף אין די זמנים פון דער וועלט. צייטען ענדערן זיך, אָבער אין יעדען זמן זיינען פאַראַן משמרות כוכבים, לייכטענדע שטערן, וועלכע זיינען צוגעפּאַסט צום ספּעציעלען זמן אויסצופירען דעם רצון ה׳.

ר׳ אוריאל צימער ע"ה האָט געפילט אַז אין דעם זמן וואָס מיר לעבען, אין דער היינטיגער תקופה, האָט ער איין משמר געהאַט, און מיט זיינע מעגליכקייטען איין פליכט אויסצופירען. זיין משמר איז אויסגעפאַלען אין אַ טראַגישען זמן פון שקר און טעות, די

תקופה ווען מינות טריאומפירט מיט דער גרעסטער מאָס חוצפה און זעלבסטזיכערקייט, רייסט אַדורך אַלע גבולים און שפּרייט אויס זיין השפעה כמעט איבער דער גאַנצער כנסת ישראל.

דוקא אין דעם זמן האָט ער דערזען זיין משמר, און ער האָט זיינע כשרונות מקדיש געווען אַביסעל שיטערער צו מאַכען דעם געדיכטען חושך, אַז עטליכע שטראַלען פון אמת זאָלען זיך מיט געוואַלט דורכרייסען דורך דעם אַלגעמיינעם שוואַרצען וואָלקען. על כל פנים נישט צו דערלאָזען אַז די כוחות הטומאה זאָלען קריגען די פול־שטענדיגע ממשלה איבער דער מחשבה פון שארית ישראל.

ר׳ אוריאל איז געשטאַנען אויף זיין משמר מיט גבורה, קעגען אַלע שוועריגקייטען. זיינע אייגענע פּערזענליכע צרות און יסורים האָבען איהם נישט געשטערט, און אויך די באַמיאונגען פון אַנדערע נאָך מער צו פאַרביטערן זיין לעבען, האָבען איהם נישט געקענט אָוועקנעמען פון זיין משמר.

ער האָט געליטען רדיפות בגוף ונפש פון די פאַרפירטע, און פון די פאַרקויפטע וועלכע האָבען נישט סובל געווען זיינע דברים ברורים קעגען זיי. אָבער ער איז געבליבען אויף זיין משמר ביז צו דער לעצטער מינוט.

זומער פאַר זיין פטירה איז ער געפאָרען קיין ארץ ישראל צו באַזוכען זיינע עלטערען אין חיפה. ער איז שוין דעמאָלט געווען ערנסט קראַנק און פיזיש צוזאַמענגעבראָכען, אָבער ער האָט געוואָלט מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם. אויף זיין צוריקרייזע צו זיין היים אין ברוקלין האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין לאָנדאָן. דאָרט איז דער קראַנקער ר׳ אוריאל נאָך מער פאַרשלאַפּט געוואָרען און ער האָט געמוזט אַריינגיין אין אַ לאָנדאָנער שפּיטאָל. די דאָקטוירים האָבען אָבער נישט געקענט באַקעמפען זיין קראַנקהייט און דאָנערשטאָג נאָכט פרשת ויצא, ט׳ כסלו האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען פליסטערט ער פאַרשידענע תפלות און פסוקי היחוד, ער זאָגט עזרת, נשמת כל חי, ער זינגט אַ דביקות ניגון און ער פאַרגעסט אויך נישט צו בעטען מען זאָל איהם טובל

זיין אין מקוה. ער דערמאנט אַז ער האָט נאָך נישט געלייגט תפילין דרבינו תם און ער זאָגט נאָך קריאת שמע וואָרט ביי וואָרט בקבלת עול מלכות שמים שלימה. די דאָקטוירים האָבען נישט געקענט פאַר־שטיין די שטאַרקייט פון זיין מוח, אַז אַ מענטש זאָל אין אַזאַ צושטאַנד זיין אַזוי קלאָר.

צומאָרגענס ערב שבת קודש פרשת ויצא איז ער געבראַכט גע־וואָרען צו קבורה אין לאָנדאָן. דאָס חרדישע אידענטום איז פאַר־אָרימט געוואָרען. די פטירה פון דעם יונגען ר׳ אוריאל צימער איז אַן אבידה שאינה חוזרת. זיין פאַרלוסט לאָזט זיך גאָר שטאַרק פילען.

אונזער טייערער און האַרציגער ר׳ אוריאל צימער ע״ה וועט תמיד דערמאנט ווערען פון חרדישען אידענטום מיט פיעטעט און יראת הכבוד, אַלס דער אויפריכטיגער מוכיח און פייערדיגער קנאי, וועלכער איז געווען מיט זיין האַרץ און נשמה איבערגעגעבען די אינטערעסען פון אומבויגזאַמען און קאָנסעקווענטען דרך ישראל סבא.

צו דער ערשטער יאָרצייט דערשיינט אָט די דאָזיגע בראָשור.

יהא זכרו ברוך!

א.

דער צוועק פון דער דאָזיגער בראָשור

דער צוועק פון דער דאָזיגער בראָשור איז אויסצופילען אַ בלויז, וואָס אויב אפילו ער פילט זיך נישט אַזוי שטאַרק, אָבער זיין אויס־ווירקונג לאָזט זיך גאָר שטאַרק פילען.

דאָס פּראָבלעם וואָס וועט אין די וויטערדיגע קאַפּיטלען באַ־האַנדעלט ווערען — די שטעלונג פון תורה־אידענטום צו מדינת ישראל — באַלאַנגט אין דער קאַטעגאָריע פון יענע ענינים וועגען וועלכע מען רעדט אַ סך, אָבער מען ווייסט ווייניג וועגען זיי. נישט איינמאָל דינט די דאָזיגע טעמע אַלס סוביעקט פאַר פּאָלעמיק, אין וואָרט און אין שריפט, און פירט אפילו צו שאַרפע וויכוחים, אָבער — לויט מיין בעסטער אינפאָרמאַציע — איז נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג נישט גע־מאַכט געוואָרען קיין פאַרזוך צו דעפינירען אָט די שטעלונג אין אַ קלאָ־רער און קאָנדענסירטער פאָרם. פיל אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען זיינען שוין געשריבען געוואָרען אויף די שפּאַלטען פון פאַרשידענע צייטונגען, דאָ און דאָרט זיינען געוואָרען אַרויסגעזאָגט געדאַנקען אין דרשות און אין רעדעס, אָבער צוזאַמען און אין ריכטיגער אָרדענונג איז ביז היינט נישט פאַראַן קיין איין שריפטליכע פּובליקאַציע וועגען דעם פּראָבלעם.

ווי געזאָגט, דאָס פעלען פון אַזאַ קלאָרער שטעלונג האָט גאָר אַ וויטגייענדיקע ווירקונג, נאָך פיל מער ווי מען מיינט. דער דאָזיגער ענין איז איינס פון די וויכטיגסטע פּראָבלעמען אויף דער אידישער גאַס, סיי אין ארץ ישראל און סיי אין חוץ לארץ, דאָס פעלען פון אַזאַ קלאָרער שטעלונג אין אָט דער פראַגע פירט צו אַ פאַרמישונג פון באַגריפען,

הן אין די רייען פון די שומרי התורה און אויך אין די רייען פון נישט רעליגיעזע, וועלכע ווייסען נישט קלאָר וואָס דאָ קומט פאָר, און דעריבער זעען זיי פאַרשידענע אַספעקטען און געשעענישן אין אַ פאַלש ליכט. זיי שרייבען צו צו „אַ הייפעל קנאים" באַגריפען און אידעאָלאָגיעס וואָס זיינען אין דער אמת'ן די השקפה פון גאַנצען אידישען פאָלק. און אויך אין די רייען פון חרדישען אידענטום פירט טיילמאָל דאָס נישט קענען געוני די פאַקטען דערצו אַז מען זאָל מאַכען פון עיקר אַ טפל און פון טפל אַן עיקר, מען אונטערשיידעט נישט צווישען סיבות און צווישען רעזולטאַטען פון די סיבות.

אין דער דאָזיגער בראָשור וועט געמאַכט ווערען אַ פאַרזוך אויסצוקריסטאַליזירען געוויסע ענינים אין דעם געביט.

די שטעלונג פון תורה־אידענטום צו מדינת ישראל קען דעפינירט ווערן אויף דריי אופנים, וואָס פאַקטיש זיינען זיי איינס: 1) דורך אַ בירור על פי הלכה; 2) דורך אַ פאָליטישער אויפקלערונג; און 3) דורך אַן אידעאָלאָגישער אויפקלערונג. ווי געזאָגט זיינען די אַלע דריי וועגן געקניפט און געבונדען איינער מיט'ן צווייטען, און טיילמאָל איז גאָר שווער צו ציען אַ גרענעץ ליניע צווישען זיי. ובפרט אַז מיר האָבען אַ כלל „ליכא מילתא דלא רמיזא באורייתא" — אויף יעדער פראַגע קען מען געפינען אַן ענטפער אין דער תורה, די תורה אַנטהאַלט אַלעס און דאָמינירט איבער אַלעם. כאָטש דורך דעם ערשטען אופן — דורך אַ בירור על פי הלכה — קען מען קלאָר דעפינירען און געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ, פונדעסטוועגען וועל איך זיך פאַרנעמען אין דער דאָזיגער בראָשור בלויז מיט דעם דריטען אופן: די אידעאָלאָגישע אויפקלערונג.

דאָס מברר זיין דעם גאַנצען ענין על פי הלכה, דאָס הייסט ציטירען אַלע מקורות ההלכה, איבערגעבען די ריכטיגע פירושים און ביאורים צו די מאמרי חכמינו ז"ל און ראשונים, וועלכע די פראָפאַגאַנדיסטען האָבען טענדענציעז פאַרדרייט און איבערגעגעבען אין נישט ריכטיגען ליכט, און נאָך און נאָך, דאָס אַלץ איז זייער אַ וויכטיגע און דרינגענדע אויפגאַבע, און עס פאָדערט זיך אַ פאַסיגע תורה פערזענליכקייט,

וואָס זאָל דאָס טאָן. אָבער נישט דאָס איז דער צוועק פון דעם דאָזיגען חיבור.

ווידער דער צווייטער אופן: אַן אויפקלערונג פון פּאָליטישן שטאַנד־פּונקט, וואָס די אַנטוויקלונגען זיינען געווען אויפ׳ן פּאָליטישען געביט, אַנווייזען פאַרשידענע האַנדלונגען פון מדינה רעזשים כלפי חרדישע אידען וכדומה — אויך דאָס וואָלט געדאַרפט געטאָן ווערען, און עס איז אפילו שוין געטאָן געוואָרען פון צייט צו צייט אין פאַרשידענע צייט־שריפטען. אָבער אויך נישט דאָס איז דער צוועק פון אונזער חיבור. ובפרט וויסען מיר וואָס די חז״ל זאָגען: „כשם שאין פרצופיהן דומין כך אין דעותיהם שוות״, און זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אויך רעליגיעזע אידען זיינען אַזוי אין באַצוג צו פּאָליטישע אויפפאַסונגען, און ביים רעאַגירען אויף פאַרשידענע געשעענישען. אַלעמאָל קענען זיין פאַרשידענע מיינונגען, און דער שרייבער פון די שורות וויל זיך נישט אַריינלאָזען אין די ענינים אויף דעם אָרט.

דערפאַר אָבער וועט זיין דער צוועק פון דער דאָזיגער בראָשור צו דעפינירען און קלאָר מאַכען דעם ענין פון אידעאָלאָגישען שטאַנד־פּונקט. אַ דעפיניציע און אויפקלערונג — אָבער נישט קיין פּאָלעמיק. דער צוועק פון דער דאָזיגער בראָשור איז נישט צו פירען קיין וויכוחים מיט וועמען עס איז, נאָר צו באַשטימען און פאָרמולירען אַן עקזיס־טירענדע לעבענס־אויפפאַסונג. אמת, און עס האָט נישט קיין זין דאָס צו פאַרבאַרגען, אַז אויך דער שרייבער טוט זיך אידענטיפיצירען מיט דעם דאָזיגער אויפפאַסונג וואָס ווערט דאָ אין דער בראָשור אַרויס־געבראַכט, און ממילא וועט עס זיין אַביסעל איבערטריבען צו זאָגען אַז די ווערטער זיינען געשריבען געוואָרען מיט אַבסאָלוטער און ריינער אָביעקטיוויטעט, ווי איינער זאָל שרייבען אַ פאַרשונג וועגען אַ זאַך וואָס איז ווייט פון זיין האַרצען, למשל ווי איינער שרייבט איבער דער כינעזישער פילאָסאָפיע. אָבער טראָץ דעם איז געמאַכט געוואָרען גענוג אַנשטרענגונג אַרויסצוברענגען ווי ווייט מעגליך אַן אָביעקטיווע אָפּהאַנדלונג, וואָרים די דאָזיגע בראָשור איז נישט באַשטימט פאַר בלויז חרדישע אידען און אודאי אויך נישט פאַר בלויז די וואָס אידענ־

טיפּיצרען זיך מיט די השקפות וואָס ווערען דאָ אַרויסגעבראַכט. — פאַרקערט, ווי עס איז שוין אויבען באַמערקט געוואָרען, איז דער צוועק פון דער בראָשור צו שילדערן אויך — און אפשר הויפּטזעכליך — פאַר די נישט־רעליגיעזע, די וועלט־אנשויאונג פון יהדות החרדית (אָדער אונטער וואָס פאַר אַ נאָמען מען זאָל נישט באַצייכענען די אידען וואָס זיינען טריי דער תורה און אמונה), כדי זיי זאָלען על כל פנים פאַרשטיין, אויב אפילו זיי וועלען נישט מסכים זיין צו דער דאָזיגער השקפה.

נאָך צוויי וויכטיגע באַמערקונגען דאַרפען דאָ געמאַכט ווערען, ובפרט אין דער אַטמאָספערע וואָס מיר לעבען היינט: דער מחבר פאַר־טרעט נישט און איז נישט קיין מיטגליד אין קיין שום פּאַרטיי אָדער באַוועגונג, און אויך די ווערטער וואָס ווערען דאָ אַרויסגעזאָגט זיינען נישט געריכטעט צו קיין שום ספּעציעלען פּאַרטייאישען קרייז. דער מחבר זאָגט אַרויס זיינע מיינונגען אויף זיין אייגענער אחריות. דאָס שליסט שוין אויך איין דעם געווינס פון נישט מוזען באַרעכטיגען די שטעלונג פון דער אָדער יענער פּאַרטיי.

און צולעצט נאָך אַ צווייטע באַמערקונג: די דאָזיגע בראָשור וויל נישט פאַרלייקענען אָדער זיך מאַכען נישט־וויסענדיג פון דעם פאַקט, אַז עס זיינען פאַראַן אידען שומרי מצוות וואָס זייערע השקפות זיינען אַנדערש און אפילו קעגענגעזעצט צו די וואָס ווערט דאָ אַרויסגעזאָגט. אָבער ווי געזאָגט איז די בראָשור נישט באַשטימט צו פּאָלעמיק, כאָטש אויך דאָס וועט באַרירט ווערען, אָבער פונדעסטוועגען איז דער הויפּט־ציל דערפון: צו פאָרמולירען און באַגרינדען די השקפה וואָס ווערט דאָ פאָרגעשלאָגען, און אָפּצושטעלען זיך אויף אַנדערע השקפות נאָר אויף אַזויפיל וויפיל עס וועט דינען דעם תכלית.

פון דער אַנדערער זייט זאָל ערלויבט זיין דעם מחבר צו מאַכען איין פּערזענליכע באַמערקונג: אין אַלע יאָרען פון מיין לעבען האָב איך געהאַט די זכיה און די געלעגענהייט צו באַגעגענען אָדער שטיין אין נאָענטען קאָנטאַקט מיט מער־ווייניגער כמעט אַלע גדולי ישראל פון אונזער תקופה, פון אַלע קרייזען און פון פאַרשידענע לענדער.

אויך די וואָס איך האָב נישט געהאַט די געלעגענהייט צו קומען מיט זיי אין פערזענליכען קאָנטאַקט, בין איך אָבער געשטאַנען אין נאָענ־טער פאַרבינדונג מיט זייערע תלמידים מובהקים, אָדער איך האָב געזען זייערע חיבורים. די ווערטער וואָס ווערען אַרויסגעזאָגט אין דער בראָשור בילדען אַ שותפות׳דיגען „צד השוה״ צווישען די פאַרשידענע צוגאַנגען, אין וועלכען עס גלייכען זיך אויס אַלע גדולי ישראל, אָדער לכל הפחות זייער איבערוויגענדער רוב. און ווי געזאָגט, כאָטש איך פאַרטרעט נישט אין דעם חיבור אָפיציעל קיין שום יחיד אָדער רבים, איז אָבער קלאָר אַז אין גרונט גענומען ווערט דאָ אויסגעדריקט די אַלגעמיין אָנגענומענע מיינונג ביי די גדולי ישראל.

ב.

וואָס איז „מדינת ישראל״?

אין אונזער היינטיגער וועלט אָרדענונג זיינען פאַראַן צווייערליי סיסטעמען פון רעגירונגען. עס זיינען פאַראַן מדינות — מערסטענטייל די מערב־דעמאָקראַטיעס — וואו די רעגירונג איז אַ געוויילטע דורכ׳ן פאָלק. אויך אין די דאָזיגע לענדער רעגירט אַ פאַרטיי — די פאַרטיי וואָס זיגט ביי די וואַהלען.

אין דעם מאָמענט וואָס די שורות ווערען געשריבען, הערשען אין ענגלאַנד די קאָנסערוואַטיווע; אין פראַנקרייך דע־גאָל און זיין גרופע; און אין די פאַראייניקטע שטאַטען פון אַמעריקע די רעפּובליקאַנער. עס קען געמאָלט זיין אַז אין דער אָדער אין אַן אַנדערער מדינה פירט זיך די הערשענדע פאַרטיי נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, עס קען אויך זיין אַז אין איינער אָדער אין אַ צווייטער מדינה האָט די פאַרטיי דערגרייכט איר זיג דורך נישט כשר׳ע מיטלען, עס קען אויך געמאָלט זיין אַז דער רעזשים איז אַ שלעכטער, — אָבער אין די אַלע לענדער איז די פאַרטיי בלויז די הערשערין אין דער מדינה, אָבער אויף קיין

פאַל נישט די מדינה אַליין. — דאָס איז איין פאָרם פון רעגירונגס סיסטעם.

דאַקעגען זיינען פאַראַן לענדער וואו די פּאַרטיי אַליין איז די מדינה, למשל אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָרט קען מען נישט זאָגן אַז דער קאָמוניזם הערשט אין דער מדינה, נאָר דער קאָמוניזם איז די מדינה אַליין. דער באָלשעוויזם וואָס איז פריער געווען אַ פּאַרטיי (פון אָנפאַנג אומלעגאַל) אין די פריערדיגע רעזשימען, איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מדינה אין דעם מאָמענט ווען זיי האָבען דערגרייכט די מאַכט. מיט׳ן גרינדען דעם „ראַטען־פאַרבאַנד״ איז נישט אַריינ־געטראָטען אַן ענדערונג אין דעם רעזשים אָדער אין דער הערשענדער פּאַרטיי אין רוסלאַנד, נאָר עס איז אַנטשטאַנען אַ נייע מדינה. אויך דער נייער נאָמען פון רוסלאַנד באַשטעטיגט דאָס: „ראַטען פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע רעפּובליקען״.

דער „סאָציאַליזם״ („קאָמוניזם״ בלשון נקיה) איז אַ טייל פון דער מדינה אַליין, עס איז דער גאַנצער יסוד פון דער מדינה. אַן דעם קאָמוניזם הערט אויף צו עקזיסטירען דער ראַטען פאַרבאַנד אַלס אַזאַ. עס קען זיין אַז מיט דער צייט זאָל ראַטען פאַרבאַנד באַשליסען (ווי זי דערקלערט שוין פון לאַנג) איינצופירען אַ מער ליבעראַלען רעזשים, צו פאַרגרינגערן דאָס ציווילע לעבען פון אירע בירגער, באַוועגונגס פרייהייט וכדומה, אָבער אויפ׳ן יסוד, אויפ׳ן קאָמוניזם וועט זי נישט קענען מוותר זיין, ווארים אָן דעם קאָמוניזם איז נישט פאַראַן קיין „ראַטען פאַרבאַנד״. — דאָס איז דער צווייטער רעגירונגס סיסטעם.

צו אָט דעם סיסטעם באַלאַנגט אויך מדינת ישראל. מדינת ישראל איז נישט אַ מדינה וואו דער ציוניזם הערשט, נאָר מדינת ישראל איז דער ציוניזם אַליין, און עס מאַכט נישט אויס וואָס דער פאַקט ווערט נישט בפירוש אַקצענטירט אין נאָמען פון דער מדינה. עס קען אויפקומען אין מדינת ישראל אַן אמת דעמאָקראַטישער רעזשים; עס קען אין אַ געוויסער מאָס זיך ענדערן איר עקאָנאָמישע פּאָליטיק; טעאָרעטיש קענען אפילו זיגען די בירגערליכע פּאַרטייען (כאָטש בדרך הטבע זיינען נישט פאַראַן דערפאַר קיין פּראַקטישע אויסזיכטען) און איינפירען

אַ קאַפּיטאַליסטישען רעזשים — אָבער איין זאַך קען די מדינה נישט ענדערן: מדינת ישראל קען קיינמאָל נישט אויפהערן צו זיין אַ ציוניסטישע מדינה. פונקט ווי דער ראַטען פּאַרבאַנד איז געבוירען פון קאָמוניזם, אַזוי איז מדינת ישראל געבוירען פון ציוניזם. מדינת ישראל איז די פאַרווירקלכונג פון ציוניזם. דער ציוניזם וואָס איז געווען ביז דעם יאָר תש״ח אַ באַוועגונג אָדער פּאַרטיי, האָט אין דער מדינה באַקומען אַ נייעם לבוש, אַ מאַכט און הערשאַפט פון אַ שטאַט. אָבער דער ציוניזם איז ווייטער געבליבען דער עצם מהות פון דער מדינה, וואָס אָן אים איז זי נישט מדינת ישראל.

כדי אויסצומיידען מיספאַרשטענדענישען דאַרף דאָ באַמערקט ווערען, אַז ווען עס רעדט זיך וועגען ציוניזם ווערט נישט דווקא געמיינט דערמיט די ציוניסטישע באַוועגונג, נאָר די גאַנצע ציוניסטישע אידעאָלאָגיע. דעריבער ווען מיר ווילען פאָרמולירען און קלאָר מאַכען אונזער שטעלונג צו דער מדינה, דאַרפען מיר צום אַלעם ערשטען קלאָר מאַכען אונזער באַציאונג צום ציוניזם, וואָס איז, ווי געזאָגט, דער יסוד און מהות פון דער מדינה.

ג.

וואָס מיינט ציוניזם?

דער באַגריף „ציוניזם״ איז אויך פון די זאַכען וואָס עס ווערט וועגען אים פיל גערעדט — סיי פון די אָנהענגער און סיי פון די קעגנער — אָן דעם מען זאָל אים גענוי קענען אָדער פאַרשטיין.

אמת, די ווערטער און לערעס פון די ציוניסטישע טעאָרעטיקער ווערען היינט געלערנט אין דאָס מערסטע שולעס אין ארץ ישראל (איינגעשלאָסען דער גרעסטער טייל פון די רעליגיעזע) נאָך מער פון חומש — להבדיל, און אפילו נאָך מער פון חשבון און היסטאָריע. אויך אין חוץ לארץ ווערט דער „זייאָניזם״ שטאַרק געלערנט. אָבער

גאָר ווייניג — אפילו צווישען דער הויכער אינטעליגענץ — ווייסען פּאַקטיש ווענען וואָס עס רעדט זיך. אויך דער נאָמען פון דער באַוועגונג (אגב, „ציונות" איז געוואָרען אַ שם גנאי ביי דער יוגענט אין דער מדינה) איז פאַרפירעריש : „ציון" איז בלויז אַ טייל פון די שטרעבונגען פון ציוניזם, און אפילו נישט קיין „לעבענס־וויכטיגער" טייל. נישט נאָר אין דער היינטיגער אַמעריקע, נאָר אפילו אין די גלות לענדער פון פאַר׳ן חורבן זיינען געווען גוטע און פייערדיגע ציוניסטען, וועלכע האָבען בכלל נישט געטראַכט וועגען עולה זיין קיין „ציון". און עס זיינען אפילו געווען צייטען ווען די אָפיציעלע ציוניסטישע ליניע האָט נישט באַטראַכט דווקא „ציון" אַלס אידישען שטאַט. געווען איז דאָס ביים זעקסטען ציוניסטישען קאָנגרעס, ווען דער ציוניסטישער קאָנ־גרעס האָט אָנגענומען דעם פּלאַן פון דעם פאָטער פון ציוניזם ד"ר הערצל, אויפצושטעלען אַ אידישע מדינה אין אוגאַנדאַ, אַפריקע.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז די „מזרחי", די רעליגיעז־ציוניסטישע פּאַרטיי, האָט דעמאָלט געשטיצט הערצל׳ס פּלאַן. אויב דער דאָזיגער אוגאַנדאַ־פּלאַן איז שפּעטער בטל געוואָרען, איז דאָס געשען הויפּטזעכליך צוליב פּראָפּאַגאַנדיסטישע אויסרעכענונגען, וויסענ־דיג אַז דער „פּאַלעסטינער פּראָגראַם" איז מער מסוגל צו פאַנגען די הערצער פון די מאַסען.

עס וואָלט נישט כדאי געווען צו דערמאָנען די דאָזיגע פאַרעלטערטע געשיכטע, אויב נישט צו באַווייזען אַז עס איז געווען אַ צייט ווען דער ציוניזם האָט אינגאַנצען אָפּגעוואָרפען דעם ענין „ציון" — דאָס מיינט דאָס עולה זיין קיין ארץ ישראל, און אפילו די שטרעבונג אויפצושטעלען דאָרט אַן אייגענעם שטאַט — פונדעסטוועגען איז דער ציוניזם פאַרט געבליבען אַ „ציוניסטישע" באַוועגונג. און עס איז פאַרשטענדליך אויך, וואָרים אין דער ציוניסטישער טעאָריע איז „ציון" בלויז אַ מיטל און נישט קיין ציל.

דער הויפּט ציל וואָס דער ציוניזם האָט פאַר זיך געשטעלט איז דער, וואָס איז שוין אומצאָליגע מאָל געוואָרען פאָרמולירט דורך די

טעאָרעטיקער און אידעאָלאָגען פון ציוניזם פון זיין אַנטשטייאונג ביז׳ן היינטיגען טאָג. אָנהויבענדיג פון די שריפטען פון „אחד העם" ביז די רעדעס פון בן גוריון קענען מיר הערען די פאָרמולירונג פון דעם דאָזיגען ציל, וואָס הגם ער ווערט אַרויסגעזאָגט פון צייט צו צייט אין פאַרשידענע וואַריאַציעס און נוסחאות, בלייבט אָבער דער תוכן תמיד דער זעלבער: צו פאַרענדערן דעם מהות פון גאַנצען כלל ישראל!

ד.

וואָס מיינט כלל ישראל?

לויט דער אידישער אויפפאַסונג איז שווער צו פאָרמולירען וואָס עס מיינט „כלל ישראל". וואָרים דער עצם באַגריף פון דעפיניציע פאָדערט אַלס פאָרבאַדינג אַז די זאַך וואָס ווערט דעפינירט זאָל באַ־לאַנגען צו אַ געוויסען סאָרט. יעדע דעפיניציע באַשטייט אין אָנרופען דעם נאָמען פון דער זאַך און אין באַצייכענען זיין ספּעציפישען כאַ־ראַקטער. די באַגריפען „אומה", „דת" ווי זיי ווערען היינט צו טאָג פאַרשטאַנען (נישט אַריינגייענדיג אין זייער שורש פון שפּראַכליכען שטאַנדפּונקט אָדער לויט די פּירושים אין תנ״ך אָדער אין דברי חז״ל) — זיינען נישט מער ווי אויסגעבאָרגט און איבערגעזעצט פון די גוי׳אישע שפּראַכען און פון זייער געדאַנקען גאַנג, און זיי פּאַסען זיך דעריבער בלויז פאַר די אומות העולם.

כלל ישראל מיינט נישט אַ „פאָלק" אין דעם אָנגענומענעם זין פון וואָרט. עס איז אויך נישט בלויז „אַן אַנדער פאָלק" פון די איבעריגע פעלקער. דאָס וואָרט „פאָלק" ווי עס איז אָנגענומען אין אַלגעמיין אין דער גוי׳אישער וועלט איז בכלל נישט חל אויפ׳ן כלל ישראל.

לויט דער אידישער השקפה בילדעט דאָס אידישע פאָלק אַ באַ־זונדערע איינהייט, ווי דער פּסוק זאָגט אין ישעיה (מ״ג, כ״א) „עם זו יצרתי לי", „עם זו קנית" (שמות ט״ו, ט״ז), אַ פאָלק פון הקב״ה.

אין מדרש ווערט געזאָגט אַז דאָס באַשאַפען דעם כלל ישראל איז געווען אין דער מחשבה פון הקב"ה פאַר אַלעם.

רבי יהודה הלוי זאָגט אין ספר הכוזרי, אַז דער כלל ישראל איז אַ באַזונדערער טייל פון דער בריאה. דער אונטערשיד צווישען אידען און אַנדערע פעלקער איז ענליך צום אונטערשיד פון דומם צו צומח, אָדער פון אַ חי צו אַ מדבר. אין ליקוטי אמרים (פ"ב) ווערט געזאָגט אַז אידען פאַרמאָגען אַ מין „צווייטען נפש". הגם אידען זיינען גלייך אין זייער אויסזען צו אַנדערע מענטשן, פאַרמאָגען זיי אָבער אַ „נפש שנית" וואָס מאַכט זיי פאַר אַ באַזונדערן מין. און אין זוהר הקדוש (ח"ג עג ע"א) שטייט, דריי זיינען באַהאַפטען איינער אין צווייטן: הקב"ה, די תורה און די אידען — די אַלע זיינען איינס.

די תורה הקדושה איז די וואָס שאַפט דאָס פאָלק. נאָר דורך מתן תורה זיינען מיר געוואָרען אַ פאָלק, ווי דער פסוק זאָגט „היום הזה נהיית לעם". און די גמרא זאָגט אין חולין (קיא ע"ב) די אידען זיינען נישט אָנגערופען געוואָרען „בני ישראל" ביז זיי זיינען געקומען צום באַרג סיני מקבל זיין די תורה. רבינו סעדיה גאון זאָגט: „אין אומתינו אומה אלא בתורתה" — אונזער פאָלק איז נישט קיין פאָלק נאָר דורך דער תורה הקדושה. אָן דער תורה, נישט נאָר פעלט עפּעס פאַר'ן כלל ישראל, נאָר עס הערט לגמרי אויף צו עקזיסטירען. די תורה איז די נשמה און וועזען פון אידישען פאָלק.

לויט דער תורה השקפה איז אַ אידיש פאָלק אָהן תורה נישט בלויז פעלערהאַפט, נאָר עס עקזיסטירט בכלל נישט. לויט דער אי־דישער השקפה איז דאָס נישט בלויז אַ היסטאָרישע אַנטוויקלונג, נאָר אַזוי איז געווען דער תכלית פון בריאת העולם. יעדעס קינד וואָס לערנט חומש געדענקט אוודאי דאָס ערשטע שטיקל רש"י אין חומש, אין אָנפאַנג פון פרשת בראשית (וואָס דער מקור איז פאַקטיש פון די חז"ל) אַז צוליב דער תורה וואָס ווערט אָנגערופען „ראשית" (ד' קננו ראשית דרכו, משלי ח, כ"ב), און צוליב די אידען וואָס ווערען אָנגערופען „ראשית" (קודש ישראל לד' ראשית תבואתו, ירמי' ב, ג), האָט הקב"ה באַשאַפען די וועלט.

ה.

ארץ ישראל און לשון הקודש

פונקט ווי דאָס אידישע פאָלק איז — לויט דער אידישער אויפ־פאַסונג — אַ באַזונדערע געטליכע יצירה און אַן אייגענאַרטיגער טייל פון מעשי בראשית, וואָס אונטערשיידט זיך פון אַנדערע פעלקער, אַזוי זיינען אויך אַלע אַנדערע זאַכען וואָס האָבען ביי די אומות העולם אַ צוזאַמענהאַנג און פאַרבינדונג מיט דעם באַגריף „פאָלק", אַנדערש ביים אידישען פאָלק ווי עס איז אָנגענומען אין דער אַלגעמיינער וועלט. „לאַנד" און „שפּראַך" ביים אידישען פאָלק זיינען נישט בלויז „נאַציאָנאַלע ווערטען", פּונקט ווי די תורה איז נישט בלויז „רעליגיע", ווי עס איז אַלגעמיין אָנגענומען אין דער וועלט.

אויך ארץ ישראל, דאָס לאַנד וואָס „עיני ה' אלקיך בה" איז אַ טייל פון דער כוונה פון השי"ת כביכול ביים באַשאַפען די וועלט, ווי עס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דעם ערשטען שטיקל רש"י פון בראשית, און פון וועלכען עס וועט נאָך גערעדט ווערען אין די ווייטערדיגען קאַפּיטלען אין דער בראָשור.

און אַזוי אויך לשון הקודש איז די שפּראַך מיט וועלכער הקב"ה האָט באַשאַפען די וועלט. די עשרה מאמרות מיט וועלכע הקב"ה האָט באַשאַפען די וועלט, זיינען געזאָגט געוואָרען אין לשון הקודש, ווי עס ווערט אַרויסגעברענגט בעיקר אין די כתבי האר"י ז"ל. לויט די חסידישע ספרים איז לשון הקודש נישט בלויז אַ חלק פון דער בריאה, נאָר עס איז אויך דער קיום פון אַלע נבראים אין דער וועלט. אין תניא (שער היחוד והאמונה סופ"א) ווערט געזאָגט, אַז אַלע באַשעפענישען פון דער וועלט ציען זייער השתלשלות פון די עשרה מאמרות וואָס שטייען אין דער תורה דורך זייערע נעמען וואָס זיי ווערען גערופען אין לשון הקודש, און דאָס גיט אַריין אַ חיות אין דער באַטרעפענדער באַשעפעניש.

די גאַנצע וועלט איז אַ בריאה מלובש אין גשמיות. ווי עס שטייט אין מדרש תנחומא, הקב״ה האָט געוואָלט האָבן אַ דירה אויף דער וועלט. און דעריבער זיינען אפילו די רוחניות׳דיגע ענינים מלובש אין אַ גשמיות׳דיגען לבוש. אפילו די מצוות פון דער תורה הקדושה וואָס זייער מקור און שורש זיינען פון הקב״ה אַליין, זיינען אויך מלובש אין אַ לבוש גשמי, און מען איז נישט יוצא קיין מצוה ביז מען איז מקיים די מצוה בפועל, ווי למשל דאָס אָנטאָן ציצית פון וואָל, אָדער לייגען תפילין וואָס איז געמאַכט פון הויט פון אַ בהמה. אָדער דאָס שאָקלען מיט אתרוג און לולב וואָס דאָס זיינען גשמיות׳דיגע ענינים. און אָן דער מעשה גשמית האָט דער מענטש נישט מקיים געווען די מצוה, אפילו ווען ער זאָל פאַרשטיין די טיפסטע סודות וואָס ליגען פאַרבאָרגען אין די דאָזיגע מצוות.

אָבער נאָר די מצוה פון הקב״ה מאַכט דעם אתרוג פאַר אַן אתרוג. ווען אַ מענטש זאָל למשל נעמען אַ כשר׳ן און שיינעם אתרוג ערב סוכות אָדער אַ טאָג נאָך סוכות, וועט ער דערמיט נישט מקיים זיין קיין שום מצוה. עס איז בלויז ווי ער וואָלט געהאַלטען אין זיין האַנט אַ פרי וואָס איז נישט מער חשוב ווי אַן עפל אָדער לעמאָן. נאָר ווען דער מענטש נעמט דעם אתרוג אין דער צייט און לויט דעם אופן ווי די תורה האָט געבאָטן, נאָר דעמאָלט איז ער מקיים אַ מצוה, נאָר דעמאָלט איז ער זיך מתדבק אין הקב״ה דורך דער דאָזיגער מצוה.

דאָס זעלבע איז אויך נוגע צו לימוד התורה. ווען איינער, למשל, לערנט דעם פרק „השותפין שרצו לעשות מחיצה בחצר״ אין דער גמרא בבא בתרא, אָדער אין די מפרשי הש״ס, איז ער דערמיט מקיים די מצוה פון תלמוד תורה, און ער איז דעמאָלט אין כלל פון די אַלע געהויבענע בחינות וואָס די חכמים האָבען געזאָגט אויף איינעם וואָס איז עוסק בתורה. ווען אָבער איינער איז עוסק אין דער זעלבער שאלה פון שותפים וואָס האָבען געוואָלט מאַכען אַ מחיצה אין זייער הויף פון די געזעץ־ביכער פון אַמעריקע למשל, אָדער לויט דעם יוסטיני־אַנישען קאָדעקס אין דעם רוימישען געזעץ וועזען, — אפילו ווען דער אויספיר פון דעם געזעץ לויט דער אַמעריקאַנער אָדער רוימי־

שער יוריסדיקציע זאָל זיין דער זעלבער ווי לויט דער גמרא, להבדיל, — קען דאָס נישט באַטראַכט ווערען אַלס לימוד התורה און עס איז נישט פאַראַן דערין קיין שום קדושה. עס איז גענוי אַזוי ווי ווען ער וואָלט שטודירט די אַמעריקאַנער שטייער רעגולאַציעס וכדומה.

אמת, אויך אין דער תורה רעדט זיך וועגען דעם זעלבען הויף, וועגען דעם זעלבען צוים, וועגען די זעלבע שטיינער אָדער האָלץ פון וואָס די מחיצה דאַרף געמאַכט ווערען, אָבער דאָרט איז עס דער רצון פון השי״ת און די קדושה עליונה, ווייל דאָס איז אַ חלק פון דער תורה. מיט אַנדערע ווערטער: כאָטש אויך די תורה און די מצוות זיינען עוסק אין ענינים גשמיים, וואָרים „לא ניתנה תורה למלאכי השרת״ (ברכות כה ע״ב), און די תורה קומט אונז צו לערנען וויאַזוי זיך צו פיהרען אין טאָג טעגליכען לעבען, — אָבער די תורה אַליין שטייט העכער פון יעדער גשמיות.

דער זעלבער אונטערשיד וואָס איז פאַראַן צווישען לערנען אין פרק „השותפין״ למשל, און צווישן שטודירן דאָס אַמעריקאַנער געזעץ אין דער זעלבער פראַגע, דער זעלבער חילוק איז אויך פאַראַן צווישען אַנדערע עניינים.

ארץ ישראל איז טאַקע אַ לאַנד בגשמיות ווי אַלע אַנדערע לענדער, וואו עס זיינען פאַראַן וועלדער און טייכען, הייזער און גערטנער ווי אין אַנדערע לענדער, אָבער נישט צוליב דעם איז ארץ ישראל דאָס הייליגע לאַנד. נאָר דעמאָלט ווען עס איז אַריין קיין ארץ ישראל דער ארון ברית ה׳ דעמאָלט איז ארץ ישראל געוואָרען דאָס הייליגע לאַנד.

אויך לשון הקודש איז אַ שפּראַך ווי אַנדערע שפּראַכען, מיט אַ גראַמאַטיק, זאַצען, טראָפּען וכדומה, — אָבער דאָס אַלץ זיינען בלויז אַ גשמיות׳דיגער לבוש. די פאַקטישע אינערליכע נשמה פון דער שפּראַך איז גאָר גרויס און געהויבען. מיט דער דאָזיגער שפּראַך האָט הקב״ה באַשאַפען די וועלט און דורך איר האָבען אַלע באַשעפענישען אַ קיום. און דערפאַר איז די שפּראַך הייליג — לשון הקודש.

ו.

„נהיה כגוים"

די פריער דערמאנטע אומבאַשטרייטבאַרע אמת׳ן וועגן דער דעפיניציע פון די באַגריפען ישראל, תורה, ארץ ישראל און לשון הקודש, זענען אַלעמאָל געווען קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדליך פאַר יעדען איד אין משך פון אַלע צייטען פון אונזער קיום.

אמת, אין אונזער לאַנגער געשיכטע זיינען אויך אַמאָל געווען יחידים און גרופעס — און טיילמאָל אפילו גרויסע גרופעס, — וועלכע האָבען פון זיך אַרונטערגעוואָרפען דעם עול תורה ומצוות, צי דאָס איז געווען צוליב תאווה, אָדער אפילו במזיד און באַוואוסט־זיניג. אָבער די אַלע — אָדער על כל פנים זייער רוב — האָבען דאָך נישט פראַלייקענט די דערמאנטע גרונט פרינציפען. אויך זיי האָבען געוואוסט אַז אויף דער פראַגע „מה מלאכתך ומאין תבא מה ארצך ואי מזה עם אתה" (וואָס איז דיין באַשעפטיגונג, פון וואַנען קומסטו, פון וועלכען לאַנד און פאָלק ביסטו?) איז נישטאָ קיין אַנדערער ענטפער נאָר „עברי אנכי ואת ד׳ אלקי השמים אני ירא" [יונה א, ט] (איך בין אַ איד, און פון באַשעפער פון דער וועלט פאַרכט איך זיך).

די וואָס האָבען פון זיך אַראָפגעוואָרפען דעם עול תורה און מצוות האָבען געהאַט בלויז צוויי טענות: זיי האָבען גע׳טענה׳ט אַז לויט זיי דאַרף דאָס אידישע פאָלק אויפהערן צו זיין אידען, ח״ו; אָדער זיי האָבען זיך באַנוצט מיט דער פאַלשער און נישט־ריכטיגער טענה, אַז אויך זייער אויפפאַסונג איז טריי צו דער תורה, זיי האָבען צוליב דעם מגלה פנים געווען אין דער תורה שלא כהלכה. כדי אַנצוגעבען ראיות פון די שפּעטערע תקופות קענען מיר ברענגען אַלס משל די כת ש״ץ, וועלכע האָבען אויך גע׳טענה׳ט אַז זייער וועג איז דער „דרך התורה", און זיי האָבען געבראַכט פאַרשידענע „ראיות" פון די חז״ל און פון זוהר הקדוש וכדומה צו זייער פאַלשען

וועג. די דייטשע אַסימילאַטאָרען ווידער האָבען אַלעמאָל גע׳טענה׳ט אַז זיי זענען דייטשען פון „משה׳ס גלויבען״, און זיי ווילען נישט מען זאָל זיי באַטראַכטען אַלס אידען נאָר אַלס אַלגעמיינע בירגער פון די באַטרעפענדע לענדער, וועלכע היטען ספּעציפישע רעליגיעזע צערעמאָניעס. אפילו די צדוקים, און אין אַ שפּעטערער תקופה די קראים, האָבען גע׳טענה׳ט אַז זיי האַלטען די תורה ווי עס דאַרף צו זיין. פון דעם אַלעם איז קלאָר, אַז אפילו די אָפּטריניגע פון אידישען פאָלק האָבען קיינמאָל נישט געקענט און נישט געוואָגט אָפּצולייקענען דעם עיקר יסוד אַז „אין אומתנו אומה אלא בתורתה״ — דאָס אידישע פאָלק איז אַ פאָלק בלויז דורך דער תורה״. און ממילא איז אויך געווען קלאָר אַז אויב מען רייסט זיך אָפּ פון דער תורה הקדושה, רייסט מען זיך אָפּ פון אידישען פאָלק, און אַז עס איז נישט פאַראַן קיין „אידישקייט״ נאָר תורה.

ביז עס איז אויפגעקומען דער ציוניזם.

„ציוניזם״ איז נישט בלויז אַ נאָמען פון אַ באַוועגונג. (אגב דאַרף באַמערקט ווערען, אַז דעם נאָמען „ציוניזם״ האָט די באַוועגונג אָנגענומען ערשט מיט אַ סך יאָרען נאָך איר גרינדונג). דער דאָזיגער נאָמען וואָס רופט אַרויס הייליגע אַסאָסיאַציעס און געפילען און דערמאַנט אין דער הייליגער „ציון״ האָט פיל צוגעהאָלפען אַז די באַוועגונג זאָל זיך אויסשפּרייטען צווישען תמימות׳דיגע אידען, און האָט פיל גורם געווען צום בלבול המוחות ביז׳ן היינטיגען טאָג — און דערפון וועט נאָך גערעדט ווערען ווייטער.

איצט קענען מיר בלויז באַהויפּטען דאָס וואָס עס פאַרשטייט יעדער קלאָר דענקענדער מענטש אַז דער נאָמען זאָגט גאָרנישט און מיינט גאָרנישט. (עס איז אפשר סימבאָליש וואָס דוקא דער מאַן וואָס האָט געשאַפען דעם נאָמען „ציוניזם״ — ד״ר נתן בירנבוים — האָט זיך שפּעטער אַליין אָפּגעקערט פון ציוניזם און ער איז געוואָרען איינער פון אירע שאַרפסטע קעגנער). ווען די לייט וואָס האָבען געשאַפען דעם ציוניזם וואָלטען אויסגעקליבען צו רופען זייער באַוועגונג „נטורי קרתא״ למשל, קען געמאָלט זיין אַז די „נטורי קרתא״

וואָלטען זיך גערופען „ציונים״. און אויך דעמאָלט וואָלטען די דאָזיגע נעמען נישט באַדייט אַנדערש ווי זיי באַדייטען היינט.

ווי שוין אויבען געזאָגט איז דער תמצית פון ציוניזם נישט „ציון״ ארץ ישראל פאַרנעמט בלויז אַ טייל אין ציוניזם, און איז נישט דער יסוד פון ציוניזם. דער תמצית פון ציוניזם איז „אידישער נאַציאָנאַליזם״.

דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַליזם איז אויפגעקומען אויף דער וועלט אײדער עס איז נאָך געגרינדעט געוואָרען דער ציוניזם. פאַר דעם איז נישט געווען אָנגענומען דער נאַציאָנאַליסטישער געדאַנק צווי־שען די פעלקער פון דער וועלט. דער נאַציאָנאַליזם ביי די פעלקער האָט אויפגעוואַכט נאָך דער שטרעבונג פון נאַפּאָלעאָן איינצונעמען די גאַנצע וועלט און אונטערצוואַרפען אַלע פעלקער אונטער דעם יאָך פון פראַנצויזישען קייסערטום.

אויף דער אידישער גאַס האָט אַן ענליכער נאַציאָנאַליסטישער דראַנג געשלאָגען וואָרצלען מיט אַרום 50 יאָר שפּעטער. וואָרים אין די צייטען פון נאַפּאָלעאָן איז פאַר אַזאַ מין באַוועגונג נישט געווען קיין באָדען צווישען די אידישע מאַסען, ביי וועמען עס איז געווען טיף איינגעוואָרצעלט דער באַוואוסטזיין אַז „אין אומתנו אומה אלא בתורתה״. ערשט נאָכדעם ווען עס איז אויפגעקומען די „השכלה״ און אַמיסילאַציע, וועלכע זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון נישט קענען ביישטיין דעם נסיון פון דער עמאַנציפּאַציע, און דורכדעם איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען דאָס שמירת התורה ביי פיל אידען — אַזוי אַרום האָט געקענט געבוירען ווערען דער ציוניזם.

וואָס האָט מחדש געווען די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג צווישען אידען?

זי האָט געפאָדערט אַז די אידען דאַרפען ווערען אַ פאָלק „ככל הגוים״, — דאָס הייסט, אַז דאָס אידישע פאָלק וואָס איז פון תמיד אָן געווען באַוואוסט ביי יעדען איד אַז אידען זיינען אַ ספּעציפיש פאָלק, אַ באַזונדערע בריאה פון הקב״ה (ווי עס איז אין די פריערדיגע קאַפּיטלען אַרויסגעבראַכט געוואָרען), דאַרף

פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ „פאָלק" לויט דעם אַנגענומענעם באַ־גריף וואָס אַ פאָלק מיינט ביי די אומות העולם.

וואָס מיינט „פאָלק" לויט די גוי'אישע באַגריפען?

אין דעם גרויסען ווערטערבוך פון „ענציקלאָפעדיא בריטאַניקאַ" ווערט דאָס וואָרט „נעישאָן" פאַרטייטשט: אַ גרופּע מענטשען פון אַ געמיינזאַמער שפּראַך און טעריטאָריע. אין דעם פראַנצויזישען „לאַרוס" ווערטערבוך ווערט עס פאַרטייטשט: אַ גרופּע מענטשען וועל־כע וואוינען אין דעם זעלבען געביט און האָבען אַ געמיינזאַמען אָפּשטאַם, שפּראַך אָדער אַנדערע שותפות'דיגע ענינים פון לאַנג פריער.

אַנדערש איז אָבער מיט'ן אידישען פאָלק, מיר האָבען טאַקע אַ געמיינזאַמען אָפּשטאַם, אָנפאַנגענדיג פון צוואַנציג דורות נאָך בריאת העולם, אָבער די בריאה פון אידען איז געווען במחשבה פון הקב"ה נאָך איידער ער האָט באַשאַפען די וועלט, ווי עס איז שוין פריער געשריבען געוואָרען.

די גרעסטע מענטשען אין דער אידישער געשיכטע האָט אין זייערע אָדערן געפלאָסען בלוט פון אַנדערע פעלקער. דוד מלך ישראל וואָס ער איז „דוד מלכא משיחא" זיין באָבע איז געווען אַ מואביה. רבי עקיבא איז געווען אַן אייניקל פון סיסרא. שמעיה ואבטליון זיי־נען געווען אייניקלעך פון סנחריב דער קעניג פון אשור, און אויך פון המן'ס אייניקלעך זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבען געלערנט תורה אין בני ברק (גיטין נז ע"ב, סנהדרין צו ע"ב).

און וואָס איז נוגע דאָס לאַנד, ארץ ישראל, איז שוין אויבען געבראַכט געוואָרען אַז אידען זיינען געוואָרען אַ פאָלק נאָך איידער זיי זיינען אַריין אין לאַנד, און אויך אפילו דערנאָך זיינען אידען געזעסען אין זייער לאַנד בלויז אַ קליינע צייט פון זייער עקזיסטענץ, און נאָך אַ קלענערע צייט האָבען זיי געהאַט פאַקטיש אַ זעלבסט־שטענדיגע הערשאַפט.

אויך די שפּראַך איז נישט געווען קיין וויכטיגער פאַקטאָר אין

קיום פון אידישען פאָלק. די תורה אַליין איז געגעבען געוואָרען אין זיבעציג שפּראַכען. אַ טייל פון די כתבי הקודש און אויך די ש"ס בבלי און ירושלמי, די מדרשים, דער זוהר זיינען געשריבען אין דער אַראַמישער שפּראַך. דאָס רוב ספרים פון רמב"ם ז"ל, — אַריינגערעכענט זיין פירוש אויף משניות — איז געשריבען געוואָרען אין אַראַביש. דאָס רוב ספרים פון רבי יהודה הלוי, רבינו בחיי און אַנדערע זיינען אויך געשריבען געוואָרען אין אַראַביש. פאַראַן אַ דעה אַז אויך אין מצרים האָבען אידען נישט גערעדט לשון הקודש נאָר אַ ספּעציעלע שפּראַך ענליך צו מצריש. (געהערט האָב איך עס פון הג"ר דוד בהר"ן זצ"ל, כאָטש כ'האָב נישט געפונען דעם מקור דערצו).

עס איז אויך פאַרשטענדליך אַז מיט דער דעפיניציע פון „אַ געמיינזאַמע היסטאָריע" וואָס בילדעט אַ פאָלק, קען מען נישט מיינען אַ היסטאָריע פון פאַר צוויי טויזענט יאָר צוריק, וואָרים עס זיינען היינט פאַראַן פיל פעלקער וואָס האָבען געהאַט אַ געמיינזאַמע היסטאָריע מיט טויזענטער יאָרען פריער, און אַצינד זיינען זיי באַזונדערע פעלקער און טיילמאָל אפילו אויסגעשפּראָכענע שונאים איינע צו דער צווייטער. עס מוז דעריבער קלאָר זיין, אַז דאָס וואָס די אומות העולם פאַרשטייען אונטער דער דעפיניציע „אַ געמיינזאַמע געשיכטע" מיינט מען אין די לעצטע הונדערטער יאָרען, און עס מיינט צו זאָגען, אַז גרופּעס וואָס האָבען די זעלבע געשיכטע בילדען אַן איינהייטליך פאָלק.

דער כלל איז אָבער לגמרי נישט חל אויף אידען. עס איז נישט געווען קיין גלייכע און אייניגע געשיכטע צווישען די אידען אין די פאַרשידענע לענדער, און עס זיינען נישט געווען קיין ספּעציפישע פאַרבינדונגען צווישען די אידען פון תימן למשל מיט די אידען פון איטאַליען אָדער רוסלאַנד. פּונקט אַזוי האָבען די אידען אין די פאַרשידענע גלות לענדער נישט געהאַט די זעלבע געמיינשאַפטליכע אינטערעסען. למשל אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה האָבען די אידען פון די פאַראייניגטע גרויסמאַכטען — חוץ אפשר דאָס צאַרישע רוסלאַנד — געוואָלט זען אַ זיג פון

זייערע רעגירונגען, דאַקעגען די אידען פון עסטרייך־אונגאַרן זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין אַ זיג פון דעם קיסר פראַנץ יאָזעף.

מען מוז דעריבער קומען צום שלוס אַז די אַלע דעפיניציעס פון אַ פאָלק וואָס זיינען אָנגענומען ביי די אומות העולם קענען נישט חל זיין אויף דעם פאָלק ישראל.

נישט די דערמאנטע כללים מאַכען דאָס פאָלק ישראל פאַר אַ פאָלק, נאָר די קדושה פון אידישען פאָלק מאַכט אונז פאַר אַ פאָלק. די אַלע כללים וואָס זיינען ריכטיג ביי די אומות העולם זיינען נאָר אויף אַזויפיל מאסגעבענד אויף וויפיל זיי פאַסען זיך אַריין אין די ראַמען פון דער תורה הקדושה. אויסער דער ראַם פון דער תורה פאַרלירען זיי זייער אינהאַלט, פונקט ווי דערביישפיל פון אַן אתרוג נאָך סוכות, וואָס איז געבראַכט געוואָרען אין אַ פריערדיג קאַפיטל.

די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג איז געקומען ענדערן דעם דאָזיגען כלל. דער נאַציאָנאַליזם איז געקומען ענדערן דאָס געשטאַלט און מהות פון פאָלק ישראל און פון איהם מאַכען אַ „פאָלק ווי אַלע פעלקער", מיט אַ „נאַציאָנאַלער שפראַך", מיט אַ „היימלאַנד" וכדומה.

עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבען באַצייכענט דעם ציוניזם ווי „נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע", דאָס מיינט, פונקט ווי די אַלגעמיינע אידישע אַסימילאַטאָרען פון מערב איירָאָפּע האָבען געפאָדערט אַז די אידען זאָלען זיך אַסימילירען, יעדער יחיד זאָל זיך אַסימילירען און ווערן גלייך צו זיינע גוי'אישע שכנים, אַזוי האָט דער ציוניזם געוואָלט אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק זאָל זיך אַסימילירען און ווערען אַ פאָלק גלייך ווי אַלע אַנדערע סעקולערע פעלקער. — אָבער אויך די דאָזיגע באַצייכענונג איז נישט ריכטיג. וואָרים נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע קען מען נאָר אָנרופען למשל דעם סאָוויעטישען רעזשים, וועלכער שטרעבט צו פאַרוואַנדלען די פעלקער וואָס זיינען אונטער זיין רעזשים אין אַ „פאַרבאַנד פון פאָלקס־דעמאָקראַטיעס" אפילו אַזעלכע פעלקער וואָס האָבען אַנדערע כאַראַקטערן ווי דאָס רוסישע פאָלק, ווי למשל די טשעכן, אָדער מזרח דייטשלאַנד, וואו רוסלאַנד

שטרעבט דאָרט איינצופירען דעם רוסישען לעבענס שטייגער און די רוסישע קולטור.

דער ציוניזם האָט אָבער פיל מער געטאָן פאַר דעם אידישען פאָלק. דאָ איז נישט פאָרגעקומען אַן ענדערונג פון איין קולטור אין אַ צווייטער, נאָר אַ וועזענטליכע ענדערונג. דער ציוניזם האָט אַרויס־גענומען דאָס אידישע פאָלק פון דעם באַגריף „עם זו יצרתי לי" צו אַן „עם ככל העמים", וואָס דאָס מיינט (אויב מיר זאָלען זיך באַנוצען מיט די באַגריפען וואָס מיר האָבען פריער געבראַכט פון ספר הכוזרי) ווי איינער זאָל וועלען אַרויפצווינגען אויף מענטשען צו גיין אויף פיר פיס און לעבען ווי חיות. און אין דער זעלבער צייט צו פראָקלאַמירען אַז דאָס איז די ריכטיגע מענטשהייט.

מיט אַנדערע ווערטער: דער חידוש וואָס דער ציוניזם האָט אויפגעטאָן איז: דאָס ענדערן דעם באַגריף פון אידישקייט. פון דער צייט פון מעמד הר סיני ביז צו דער תקופה פון ציוניזם איז געווען די סימבאָליזירונג פון אידישקייט: תורה". און פון זינט דער אַנט־שטייאונג פון ציוניזם איז דער סימבאָל פון אידישקייט: נאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַלע צוגעהעריקייט.

עס איז קלאָר אַז אַזאַ מין אויפפאַסונג איז אין פולשטענדיגען קאָנטראַסט צו דער השקפה פון דער תורה, שוין אפילו נישט אַריינ־גייענדיג אין דער פראַגע אויף וויפיל דער ציוניזם איז „רעליגיעז".

ז.

וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט „רעליגיע" אין ציוניזם

די טראַנספאָרמירונג פון באַגריף „ישראל" וואָס דער ציוניזם האָט גורם געווען, האָט מיט זיך געבראַכט וועזענטליכע שינויים אויף אין אַנדערע הייליגע באַגריפען. ווי עס איז שוין פריער אַרויסגע־בראַכט געוואָרען איז „ארץ הקודש" טראַנספאָרמירט געוואָרען אין

אַ „נאַציאָנאַלער היימלאַנד״; „לשון הקודש״ איז געוואָרען אַ „נאַציאָנאַלע שפּראַך״; און די „תורה הקדושה״ איז געוואָרען אַ „רעליגיע״.

דער באַגריף „רעליגיע״ אַן און פאַר זיך איז אַ באַגריף וואָס עקזיסטירט נישט אין דער אידישער וועלט, און אויך אין לשון הקודש איז דער באַגריף „דת״ פרעמד. דער באַגריף „דת״ ווי ער ווערט היינט באַנוצט, איז בלויז אַ פאַרזוך איבערצוזעצען דאָס וואָרט „רעליגיאָן״, וואָס לאָזט זיך נישט ריכטיג איבערזעצען אין לשון הקודש, וואָרים אַזאַ באַגריף עקזיסטירט נישט. עס איז נישט פאַראַן אין לשון קודש אַ וואָרט אָדער באַגריף וואָס זאָל דינען צו באַצייכענען סיי די אידישע תורה און סיי די רעליגיעס פון פרעמדע פעלקער. אין לשון קודש מיינט דאָס וואָרט „דת״ אַ באַפעל, ווי דער פסוק זאָגט „והדת ניתנה בשושן הבירה״ (אסתר ג, טו), „דתי המלך״ (שם ג, ח, עזרא ט, א). (עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען דרך אגב, אַז דאָס וואָרט ״דת״ ווערט בלויז איינמאָל דערמאַנט אין תנ״ך אין באַצוג צו תורה: „מימינו אש דת למו״ (דברים לג, ב), און אויך דאָרט זיינען מחולק די מפורשים אין דעם אייגענטליכען טייטש פון דעם וואָרט ״דת״). אין תנ״ך און אין די חז״ל ווערט שטענדיג גערעדט וועגען תורת ה׳, אורייתא, רחמנא וכדומה, און — להבדיל — צו באַצייכענען די גוי׳אישע אָפּגעטער, אלילים, עבודה זרה וכו׳.

דער גאַנצער באַגריף פון „דת״ איז אַזוי אַרום גענומען פון די אומות העולם, ביי די גוי׳אישע פעלקער, און הויפּטזעכליך ביי די מאָדערנע פעלקער, דינט דאָס וואָרט „דת״ צו באַצייכענען בלויז אַ געוויסען שטח פון געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָס האָט גאַרנישט קיין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטליכען לעבען. עס איז איבעריג צו זאָגען אַז אַזאַ אויפפאַסונג איז לגמרי אין קעגענזאַץ צו דער אידישער אויפפאַסונג. ביי אונז איז די תורה אַ „תורת חיים״ וואָס הערשט איבער דעם גאַנצען לעבען, סיי פון ציבור און סיי פון יחיד. הלכות טוען ונטען, הלכות דיינים, א. א. וו. זיינען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער תורה נישט ווייניגער ווי הלכות תפלין,

למשל. די זאַכען וואָס זיינען אָנגענומען ביי די אומות העולם אַלס „רעליגיע" זיינען — להבדיל — ביי אידען בלויז אַ קליינער חלק פון דער תורה, און נישט דער וויכטיגסטער חלק. אַ שוהל, למשל, איז טאַקע אַ וויכטיגע זאַך אין לעבען פון אידישען פאָלק, אָבער עס איז דאָך נישט דאָס וויכטיגסטע. מען איז יוצא אויך ווען מען איז מתפלל ביחידות. און פרויען זיינען בכלל פטור פון דאַווענען לויט דעם פעסטגעשטעלטען סדר התפלות.

ביי די גוים זיינען פאַראַן גלחים און „גייסטליכע" וועלכע ביל־דען דעם צענטראַלסטען און וויכטיגסטען טייל פון זייערע רעליגיעס. אָבער ביי אידען, להבדיל, איז נישט פאַראַן אַזאַ זאַך. יעדער איד איז כשר צו יעדער זאַך, יעדער איד מעג דאַוונען פאַר'ן עמוד וכדומה. אַ רב בישראל איז בלויז דער וואָס האָט געלערנט די דינים פון דער תורה און דערפאַר איז אים ערלויבט צו פסק'ענען שאלות. אפילו אַזעלכע זאַכען ווי סידור קידושין, וואָס ביי די אומות העולם איז דאָס חתונה מאַכען אַ פאַרפאַלק אין דער אויסשליסליכער קאָמ־פעטענץ פון די גלחים און גייסטליכע, אָבער להבדיל ביי אידען, איז דאָס נישט די אויסשליסליכע קאָמפעטענץ פון אַ רב, נאָר דער דין פאָדערט אַז ווער עס איז מסדר קידושין מוז זיין בקי אין די דינים פון גיטין וקידושין, דאָס הייסט ער מוז וויסען די דינים פון דער תורה וואָס האָבען אַ שייכות צו דער פונקציע. מצד עיקר הדין פאַרלאַנגט זיך גאָרנישט קיין „מסדר קידושין" אַלס אַזאַ, נאָר מען האָט דאָס מתקן געווען כדי צו באַוואָרענען אַז אַלץ זאָל געטאָן ווערן לויט ווי די הלכה פאָדערט.

דערפון זעען מיר, אַז אפילו פון די אויסערליכע פאַרגלייכען איז נישט פאַראַן קיין געמיינזאַמער באַגריף פאַר דער תורה הקדושה, און להבדיל די רעליגיעס פון די נישט־אידישע פעלקער.

דער באַגריף „דת" אין זיין באַדייטונג אַלס „רעליגיע" איז גע־נומען אויסשליסליך פון דעם נישט־אידישען געדאַנקען־גאַנג. לויט זייער אויפפאַסונג מיינט רעליגיע אַ פריוואַטע אַנגעלעגענהייט, אָדער אַן אנגעלעגענהייט פון אַ גרופע, אָבער יעדנפאַלס מיינט עס אַ

באַגריף וואָס איז אָפּגעזונדערט פון „נאַציאָנאַליזם" און איז אומ־אָפּהענגיג פון אים. עס זיינען געווען פעלקער וואָס האָבן געביטען זייערע רעליגיעס.

עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע פעלקער, און פיינטליכע איינע צו דער צווייטער, וועלכע באַלאַנגען צו איין און דער זעלבער רעליגיע. פראַנקרייך און עסטרייך־אונגאַרן, למשל, האָבן מלחמה געהאַלטען איינע מיט דער צווייטער אין דעם ערשטען וועלט־קריג, כאָטשביידע זיינען געווען קאַטוילישע פעלקער. דייטשלאַנד און ענגלאַנד האָבן מלחמה געהאַלטען אין צווייטען וועלט־קריג טראָץ דעם וואָס ביידע פעלקער האַלטען דאָס פראָטעסטאַנטישע גלויבען. און אַזוי איז אויך פאַרקערט.

פאַראַן פעלקער וואָס צווישען זיי געפינען זיך מענטשען פון פאַרשידענע גלויבענס. אַ טייל פון די פירשפרעכער און וואָרטזאָגער פון די אַראַבער זיינען, למשל, קריסטען. אין לבנון זיינען פאַראַן קריסטען, מוסולמענער און דרוזען צוגלייך. אין ענגלאַנד איז אפילו געווען אַ מוסולמענער אין לאָרדען הויז (לאָרד פילבי). אויך אין פוילען זיינען געווען מוסולמענער, וואָס אין זייער שפּיץ איז אפילו געשטאַנען אַ מין „מופטי". אין יוגאָסלאַוויע זיינען פאַראַן מוסולמענער, גריכישע קריסטען און קאַטוילישע קריסטען. פונדעסטוועגען וועט קיי־נער נישט צווייפלען אין דער „ענגלישקייט" פון אַ לאָרד פילבי למשל, אָדער אין דער „יוגאָסלאַווישקייט" פון די מוסולמענער אין סאַראַ־יעוואָ. אין דער געשיכטע איז אפילו באַקאַנט וועגען פעלקער וואָס האָבן געביטען זייער גלויבען קאָלעקטיווערהייט, און פונדעסטוועגען האָבן זיי נישט פאַרלוירען פון זייער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט.

עס איז מעגליך אַז די רעליגיעזע טראַנספאָרמאַציעס האָבן דער־פירט צו פאַרשידענע אויסווירקונגען, אָבער קיין ענדערונג אין דער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט איז זיכער נישט פאָרגעקומען. די טערקן, למשל, זיינען געבליבען טערקן אין משך פון הונדערטער יאָהרען, סיי ווען זיי האָבן אָנגענומען דעם איסלאַם אַלס זייער „נאַציאָנאַל גלויבען", סיי דערנאָך ווען זיי האָבן אָפּגעשאַפט דעם אָפיציעלען

סטאַטוס פון איסלאַמיזם נאָך דער איבערקערעניש אין 1928 דורך קעמאַל פאַשאַ.

דערמיט וואָס די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען דאָס אידישע פאָלק אין „אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער", איז אויך פאַרוואַנדעלט געוואָרען — דורך דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע — די תורה אין „אַ רעליגיע ווי אַלע רעליגיעס", וואָס דאָס מיינט אַז דאָס איז יעדענס פּריוואַט זאַך, און וואָס איר געביט איז באַגרעניצט בלויז צו צערעמאָניעס. לויט דער ציוניסטישער אויפפאַסונג קען זיך אַ איד באַציען צו דת פּאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו, אָדער אינגאַנצען זייך גלייכגילטיג — און דאָס מינערט נישט און גיט גאָרנישט צו צו זיין „אידישקייט".

דער אידעאָלאָג פון ציוניזם מיט דער ה"א הידיעה — אחד העם, — וואָס זיינע רייד ווערען געלערענט אין די מערסטע שולעס אין ארץ ישראל, איינשליסענדיג די רעליגיעזע, האָט דעפינירט די דאָזיגע שטעלונג אין אַ קלאָרער פאָרם וואָס קען נישט ווערען צווייַדייטיג אויסגעטייטשט: „איך קען אַרויסטראָגען אַן אורטייל ווי מיין האַרץ גלוסט איבער דעם גלויבען און אידייען וואָס איך האָב געירש'נט פון מיינע עלטערן, אָהן דעם איך זאָל דאַרפען מורא האָבען טאָמער וועט צוליב דעם ווערען אָפּגעריסען דער צוזאַמענבונד צווישען מיר און מיין פאָלק" („על פרשת דרכים", באַנד 1, זייט 132).

מיט רעכט און מיט אויסגעהאַלטענקייט זיינען דערנאָך געקומען אַנדערע ציוניסטישע אידעאָלאָגען און זיי האָבען צוגעגעבען דערצו, אַז דער פּרואווּשטיין פון „אידישקייט" איז די מאָס פון פּראָגרעס פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסען. היות די אידען „וואָס גייען נאָך נאָך די רבנים" זיינען קעגנער פון די דאָזיגע „נאַציאָנאַלע אינטערעסען", ממילא זיינען זיי פאַלשע אידען. אָבער — לויט דער פאָרמולירונג פון י. ח. ברענער („הפועל הצעיר", יפו באַנד כ"ה) — „קען אַ מענטש זיין אַ גוטער איד און באַציען זיך מיט רעליגיעזער ערפורכט צו דער קריסטליכער לעגענדע וועגען זון... וואָס איז געשיקט געוואָרען פאַר דער מענטשהייט, און מיט זיין

בלוט ווישט ער אָפּ די זינד פון אַלע דורות"... — ווארים דאָס איז נישט אין קאָנטראַסט צו די „נאַציאָנאַלע אינטערעסען". מען דאַרף נישט פאַרגעסען, אַז דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרען מיט העכער פופציג יאָר צוריק, דעמאָלט ווען קיין שום מענטש האָט נאָך נישט גע'חלום'ט אפילו אַז אַזעלכע עקסטרעמע השקפות וועלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַווירקליכקייט אויף אַזאַ שנעלען מאָס־שטאַב...

עס איז אמת אַז „אחד העם" האָט נישט מסכים געווען מיט די אויפפאַסונגען פון י. ח. ברענער און זיינע קאָלעגען, אָבער אויב מען נעמט אָן דעם ציוניזם, דאָס הייסט דעם אידישען נאַציאָנאַליזם, אַלס אַ באַזיס, דעמאָלט קען נישט זיין נאָר איין לאָגישע מסקנא פון דער שטעלונג.

בעצם איז גאָרנישט נשתנה געוואָרען פון יענע צייטען פון די ציוניסטישע אידעאָלאָגען ביז די היינטיגע טעג, אויסער געוויסע סטי־ליסטישע אויסדרוקען. ברענער און זיינע חברים זיינען נישט נאָר פאַקטיש געווען די פאָרגענגער פון די היינטיגע „כנענים", נאָר זיי זיינען אפילו די גרונטזעצליכע און פאַקטישע פאָטערס פון דער „ישראל"־דיגער אידעאָלאָגיע, אָדער פון אָפיציעלען ציוניזם אין אונזער צייט, ווי עס וועט נאָך אויסקומען ווייטער מסביר צו זיין.

פאַרשטייט זיך אַז לויט דער אידישער השקפה, איז דאָס די געמיינסטע פאָרם פון כפירה. דאָס איז פאַקטיש עקירת התורה אין פולסטען זין פון וואָרט. און פון דעם שטאַנדפונקט איז נישט קיין חילוק אויב די באַציאונג צו „דת" איז אַ פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע (פאַרשטייט זיך — איבערהויפּט לויט דער דעה אַז „מצוות אין צריכות כוונה" — אַז עס איז בעסער ווען מען איז מקיים די מצוות בפועל, אָבער עס איז נישט קיין נפקא מינה לגבי דער שטעלונג אין פּרינציפּ, און אין דעם מאָמענט רעדט זיך בלויז וועגען דעם) ווארים עס איז בבחינת „מעיקרא דדינא פירכא".

ווער עס זעט אין דער תורה „דת" לויט די גוי'אישע באַ־גריפען, ווער עס זאָגט אַז „דת" איז נאָר אַ בחינת „רשות", אַז

דאָס איז בלויז אַ טייל פון אידישקייט און אַז עס איז פאַראַן „אידישקייט אָהן דת" פונקט ווי עס איז פאַראַן „ענגלישקייט אָהן פראָטעסטאַנטיזם" — אָט דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער קאָנטראַסט צו אידישקייט, און ערשט דערנאָך קומען אין חשבון די מצוות אָדער עבירות.

מיר קענען דאָס אילוסטרירען מיט אַ משל פון אונזער טרויער־ריגערווירקליכקייט אין דער איצטיגער תקופה, וואָס צו אונזער באַדויערען איז עס ליידער מער נישט בלויז אַ משל... עס זיינען פאַראַן אין אַמעריקע (און צום באַדויערען נישט נאָר אין אַמעריקע) אַזעלכע וואָס פראַוועןן מסיבות אין דער נאַכט פון „ניטל" און זיי גרייטען צו צו דער געלעגענהייט פלייש כשר למהדרין. אוודאי איז בעסער אַז אַ איד — אין אַלע אומשטענדען — עסט כשר׳ס, וואַשט זיך די הענט, מאַכט אַ „המוציא", זיצט און עסט מיט אַ צוגעדעקטען קאָפּ און בענטשט וכו׳ — אָבער די עצם סעודה איז פסול, די עצם סעודה איז לכל הפחות אַן אביזרייהו דעבודה זרה, און דאָס כשרות פון דער סעודה גיט נאָר צו לעכערליכקייט און ביטערען שפּאָס.

עס וועט נאָך אויסקומען צו ריידען וועגען דעם מער בפרטיות אין דעם ווייטערדיגען קאַפּיטל וועגען „רעליגיעזען ציוניזם".

ח.

גלות און גאולה

ווען דער ציוניזם וואָלט זיך פאַרנומען בלויז מיט דער טעאָרע־טישער אומוואַנדלונג פון דעם „עם זו יצרתי לי" אויף אַ „פאָלק ווי אַלע פעלקער גלייך", איז אַ גרויסער צווייפעל צי עס וואָלט זיך איהם איינגעגעבען צו געווינען די הערצער פון די מאַסען, אין אַזאַ גרויסער מאָס ווי עס האָט זיך זיי איינגעגעבען.

אינעם פּראָצעס פון „אינטערפּרעטירען באַגריפען" אָדער טראַנס־פאָרמאַציע פון געשטאַלט" האָט נישט געקענט דער ציוניזם זיך מאַכען נישט וויסענדיג אויך פון די אַנדערע גרונט באַגריפען, וועלכע בילדען אַן אינטעגראַלען טייל פון אידישען פאָלק, און דאָס זיינען די ענינים פון גלות און גאולה.

לויט דער השקפה פון דער תורה זיינען אויך גלות און גאולה נישט קיין „היסטאָרישע אַנטוויקלונגען", נאָר זיי האָבען זייער אור־שפּרונג אין די מעשה בראשית, אין דער ראָם פונעם גאַנצען וועלט־באַשאַף, „בהדי כבשי דרחמנא". נאָך פאַר דער באַשאַפונג פון הימעל און ערד איז שוין באַשאַפען געוואָרען גלות און גאולה. דער מדרש זאָגט: „והארץ היתה תוהו — זו מלכות בבל וכו׳, ובהו — זו מלכות מדי וכו׳, וחשך — זו מלכות יון וכו׳, על פני תהום — זו מלכות הרשעה שאין להם חקר כמו התהום וכו׳, ורוח אלקים מרחפת — זה רוחו של מלך המשיח" (בראשית רבה ב, ה).

די בשורה פון גלות און גאולה איז געוואָרען אָנגעזאָגט צו אברהם אבינו נאָך איידער אידען האָבען עקזיסטירט ווי אַ פאָלק, און שפּעטער איז עס אויך דערמאַנט געוואָרען אין דער תורה, איידער די אידען זיינען אַריין קיין ארץ ישראל. די תורה זאָגט: „והיה אם לא תשמעו וגו׳ והשימותי אני את הארץ וגו׳ ואתכם אזרה בגוים וגו׳ וזכרתי את בריתי אברהם וגו׳ אם יהי׳ נדחך בקצה השמים משם יקבצך וגו׳" — („אויב איר וועט נישט אויספאָלגען מיינע געבאָטען... וועל איך וויסט מאַכען דאָס לאַנד... און אייך וועל איך צעשפּרייטען צווישען די פעלקער... איך וועל געדענקען מיין בונד מיט אברהם... אפילו איר וועט זיין פאַרשטויסען אין עק פון הימעל פון דאָרט וועט אייך השי״ת צונויפזאַמלען..."). אַט די אַלע רייד זיינען געזאָגט געוואָרען צו די אידען פון אָנפאַנג, דאָס איז אַ טייל פון דער תורה, און די תורה איז דער פּלאַן פון דער וועלט באַשאַפונג, ווי די חכמים זאָגען „הי׳ הקב״ה מביט בתורה ובורא את העולם" („השי״ת האָט געקוקט אין דער תורה און אַזוי אַרום האָט ער באַשאַפען די וועלט") (בראשית רבה א, ב).

לויט דער אידישער השקפה איז די גזירה פון גלות געקומען אויף אונז קעגען אונזער ווילען און למעלה מדרך הטבע. חוץ לדרך הטבע דערהאַלטען מיר זיך אין גלות, און אויך די גאולה קען קומען בלויז דורך משיח צדקינו. דאָס גלויבען אין ביאת המשיח איז איינס פון די י״ג עיקרי האמונה, נישט ווייניגער ווי דאָס גלויבען אין אמיתות התורה און אין מציאות הבורא.

ווער עס זאָגט אַז תחיית המתים איז נישט מן התורה — דאָס הייסט נישט בלויז דער וואָס לייקענט בכלל אין תחיית המתים, נאָר אפילו דער וואָס איז מודה דערין נאָר ער זאָגט אַז דאָס איז נישט מן התורה, אַז דאָס איז נישט אַ טייל פון דעם פלאַן פון וועלט־באַשאַף — אויף איהם האָבען די חכמים ז״ל געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין חלק לעולם הבא (סנהדרין צ׳ ע״א), וואָס דאָס באַדייט איינס פון די ביטערסטע עונשים.

דער ציוניזם אָבער, וואָס איז געקומען אָפּצושאַפען און אויס־צורייסען דעם אייגענטליכען מהות פון אידישען פאָלק, וואָס וויל פאַרוואַנדלען דעם „עם זו יצרתי לי״ אויף אַ „נאָרמאַל״ פאָלק ווי אַלע פעלקער, מיט די זעלבע באַגריפען פון אַנדערע פעלקער — פאַרשטייט זיך אַז דער ציוניזם זעט אויך דעם ענין פון גלות און גאולה גאָר אין אַן אַנדער ליכט.

אמת, דער ציוניזם ווייסט נישט אַנצוגעבען אַ פּאַסיגען ענטפער אויף דער פראַגע וויאַזוי האָט זיך געקענט דערהאַלטען אַזאַ „נאָר־מאַל פאָלק״ אין זיין צוויי־טויזענט יאָריגער צעשפּרייטקייט, אין דער צייט וואָס אַנדערע פעלקער פיל מער „נאָרמאַלע״, זיינען פאַרלוירען געגאַנגען און געוואָרען אָפּגעווישט. אָבער וואָס איז נוגע דער קעגענ־וואַרט און פאַר יעדען פּראַקטישען צוועק, זעט דער ציוניזם אינעם גלות בלויז אַ „נאַציאָנאַלען״ פּראָצעס, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון פּאָליטישע אומשטענדען אין דער צייט פון דער רוימישער אימפּעריע. און דעריבער זעט דער ציוניזם דעם צוריקקער פון אידישען פאָלק צו זיין „נאָרמאַליטעט״ אַלס אַ פאָלק וואָס זיצט אין זיין לאַנד, בלויז

אַלס אַ פּראָצעס וואָס דאַרף געפירט ווערען אויף דעם זעלבען פּאָ־ליטישען און מיליטערישען „נאָרמאַלען" באַזיס.

פאַרשטייט זיך אַז אויך אַזאַ השקפה איז אַבסאָלוט אין קעגענזאַץ צו דער אידישער השקפה, וואָרים מיר ווייסען און גלויבען אַז נאָר „מפני חטאינו גלינו מארצינו" (צוליב אונזערע זינד זיינען מיר פאַר־טריבען געוואָרען פון אונזער לאַנד), און אַז „אין ישראל נגאלין אלא בתשובה" (אידען וועלען נישט אויסגעלייזט ווערען נאָר דורך תשובה) (ירושלמי תענית פ"א ה"א).

עס איז אויך פאַרשטענדליך אַז אַלעס וואָס איז פריער געזאָגט געוואָרען אין צוזאַמענהאַנג מיט „דת" איז אויך אַקטועל דאָ. אויך אין דעם פאַל ווערט די אויפפאַסונג פון ציוניזם נישט ווייניגער אין קאָנטראַסט און קעגענגעזעצט צו דער השקפה פון דער תורה, ווען אפילו די ביוראָען פון ציוניסטישען קאָנגרעס זאָלען, למשל, זיין געשלאָסען אים שבת, אָדער אויב למשל די מיליטערישע קיכען פון צה"ל זאָלען סערווירען כשר עסען וכדומה. עס מיינט נישט צו מינימיזירען יעדע דערגרייכונג אויף דעם געביט פון שמירת המצוות, נאָר ווי שוין אויבען געזאָגט, נישט דאָס איז דער פאַקטישער פּראָבלעם.

ט.

עברית און לשון הקודש

אין דעם פּראָצעס פון טראַנספאָרמאַציע און „נאָרמאַליזאַציע" פון דעם אידישען פאָלק, האָט אויך דער ציוניזם געמוזט אָנקומען צו טראַנספאָרמירען די שפּראַך. „לשון הקודש", וואָס שפּילט אַ גאָר וויכטיגע ראָלע אין דער תורה, — ווי עס איז פריער אַרויסגעבראַכט געוואָרען — פאַרנעמט אויך זיין אָרט אין דעם נייעם געבוי פון נאַ־ציאָנאַליזם.

פונקט ווי אידיש פאָלק איז געוואָרען טראַנספאָרמירט אין אַ פאָלק לויט די גוי'אישע באַגריפען; פונקט ווי דאָס הייליגע לאַנד ארץ ישראל איז געוואָרען טראַנספאָרמירט אין אַ „נאַציאָנאַלער היים" און שפּעטער „מדינת ישראל"; פונקט אַזוי ווי די תורה איז געוואָרען טראַנספאָרמירט אויף „רעליגיע" — אַזוי איז אויך פון לשון הקודש געוואָרען „אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך".

פאַקטיש אָבער איז שפּראַך נישט אַ וויכטיגער פאַקטאָר פון אַ „פאָלק" לויט די נישט־אידישע באַגריפען. אַלע זיד־אַמעריקאַנער לענדער, למשל, (אויסער בראַזיל) ריידען שפּאַניש. ענגלאַנד און די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע — וואָס נישט תמיד זיינען די פאַרהעלטניסען צווישען זיי אויסגעצייכענטע, און וועלכע בילדען אַלענ־פאַלס צוויי באַזונדערע פעלקער — ביידע ריידען ענגליש. די אַראַבי־שע שפּראַך ווערט גערעדט אין דעם גרויסען וועלט טייל צווישען מאַראָקאָ און איראַק, און צווישען סיריע און תימן, דורך צוועלף פעלקער, וועלכע האָבען צווישען זיך שטענדיגע קאָנפליקטען.

פון דער צווייטער זייט ווידער, עקזיסטירען אין אינדיע פינף „נאַציאָנאַלע שפּראַכען", וועלכע זיינען אַבסאָלוט אַנדערש איינע פון דער צווייטער אויף אַזוי ווייט, אַז דער אינדישער פּאַרלאַמענט איז געווען געצוואונגען צו פירען די פּאַרלאַמענט מיטינגען אין דער ענג־לישער שפּראַך, וואָס איז די איינציגע וואָס אַלע דעפּוטאַטען פאַרשטייען. אויך דאָס שווייצער פאָלק האָט דריי נאַציאָנאַלע שפּראַכען. א. א. וו.

פונדעסטוועגען איז דאָס פלעגען די „נאַציאָנאַלע שפּראַך" אַ וויכטיגער פּראָפּאַגאַנדע פאַקטאָר אין נאַציאָנאַליזם אין אַלגעמיין. אין פאַרלויף פון די לעצטע 50 יאָר לערך האָבען פיל פעלקער געפּרואווט אויפלעבען זייערע אוראַלטע שפּראַכען, וועלכע זיינען ביז דאַן גערעדט געוואָרען אין פאַרשטויסענע און באַרגיגע געגענטען, אַלס אַ טייל פון זייער פּראָפּאַגאַנדע פאַר נאַציאָנאַליזם. מיר זיינען עדות צו אַזעלכע פּראָצעסען אין אַלע וועלט טיילען, פון ביידע זייטען אייזערנעם פאַר־האַנג. קאַזאַכסטאַן, אוזבעקיסטאַן, אינדאָנעזיע, וויעטנאַם, די פאַר־שידענע לענדער אין אַפריקע וועלכע שטרעבען, אָדער וועלכע האָבען

שוין דערגרייכט, פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט — אַלע זיי באַמיען זיך צוצופּאַסען זייערע אור־אַלטע שפּראַכען צום מאָדערנעם „ציוויליזירטען" געברויך.

דער דאָזיגער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאַנגען אומגעפער אין דער זעלבער צייט ווען דער ציוניזם איז געשאַפען געוואָרען. ווייניג מענ־טשען ווייסען אַז אפילו די רומעניש שפּראַך האָט נאָך ביז מיט אַרום 50 יאָר צוריק נישט געהאַט קיין איינהייטליכען אויסלייג, און האָט ערשט מיט אַ קורצע צייט פריער איינגעפירט דעם לאַטיינישן אַלפאַבעט.

מיט דעם זעלבען ציל איז אויך אַנטשטאַנען די באַוועגונג „אויפ־צולעבען די העברעאישע שפּראַך". מיט דעם אונטערשיד וואָס די „העברעאישע" שפּראַך האָט מען נישט געדאַרפט „אַנטדעקען" — ווי למשל די איירישע און ליטווישע שפּראַך וכדומה — צווישען די איינוואוינער פון די בערג און פון פאַרשטויסענע געגענטען. וואָרים לשון הקודש האָבען אידען קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו נוצען צום לערנען און שרייבען. הגם אין די מערב לענדער איז געווען אידיש די שפּראַך וואָס איז גענוצט געוואָרען אין אַלגעמיינעם געברויך (און אין די ספרדישע לענדער — לאַדינאָ, אַראַביש, בוכאַריש און כדומה), פונדעסטוועגען איז געווען פאַררעכענט אַלס „עם הארצות" צו נוצען אידיש אין שרייבען, אפילו פּריוואַטע אָדער געשעפטס בריוו. און יעדער איד וואָס האָט נישט געוואָלט באַטראַכט ווערען אַלס עם הארץ האָט זיך געפלייסט מיט אַלע מעגליכקייטען צו שרייבען זיינע בריוו — אַליין אָדער דורך אַנדערע — אין לשון הקודש, אפילו אין אַ נישט קאָרעקטען סטיל.

„די אויפלעבונג פון דער שפּראַך", אָדער ריכטיגער געזאָגט, דאָס פאַרוואַנדלען לשון הקודש אין אַ „נאַציאָנאַלער שפּראַך", איז געוואָרען כמעט ווי אַ ספּאָרט ביי די ערשטע ציוניסטען. אין די ערשטע צייטען פון ציוניזם איז דאָס געווען דער גרינגסטער טייל פון זייערע צילען, וואָרים אין יענע צייטען האָט יעדער איד געהאַט אַ באַגריף און אַ מער־ווייניגער קענטעניש פון לשון הקודש דורך דעם סידור און חומש. ערשט ווען גרויסע טיילען פון אידישען פאָלק זיינען גע־

וואָרען דערוויטערט פון תורה און אידישקייט — וואָס דאָס אַליין איז אויך געווען אַ רעזולטאַט פון דעם זעלבען ציוניזם — ערשט דאַן איז וויזט אויס, געוואָרען דאָס קענען העברעאיש, דער שווערסטער טייל פון ציוניזם אין זייערע אַספּיראַציעס צו ציוניזירען די אידישע מאַ־סען אין די תפוצות, ווי למשל, אַמעריקע...

כאָטש וועגען דעם ענין פון דער טראַנספאָרמאַציע פון לשון הקודש אין „אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך" איז ווייניגער גערעדט געוואָרען ווי וועגען די אַנדערע ענינים, פאַקטיש אָבער מיינט אויך דאָס נישט ווייניגער מיסברויך, פון שטאַנדפּונקט פון דער תורה, ווי די אַנדערע טראַנספאָרמאַציעס, אידיש פאָלק, תורה, און ארץ ישראל.

פאַרוואָס האָט מען טאַקע ווייניגער גערעדט און באַקעמפט די טראַנספאָרמאַציע פון לשון הקודש?

די סיבה דערפון ליגט אפשר אין דעם פאַקט, וואָס שפּראַך איז נישט אַ זאַך וואָס לאָזט זיך אָנטאַפּען מיט די הענט, און דערצו פאַ־דערט זיך נאָך אַ געוויסע מאָס שפּראַכען קענטעניש, כדי צו דערגיין און באַמערקען די אויסווירקונג פון דער טראַנספאָרמאַציע.

עס איז נישט אונזער כוונה דאָ אַריינצוגיין אין אַט די פּרטים, אָבער פון דער אַנדערער זייט האַלטען מיר אויך אַז עס וועט נישט זיין איבערפליסיג צו ווידמען עטליכע קורצע זאַצען פאַר דעם דאָזיגען ענין.

יעדע שפּראַך פאַרמאָגט עפּעס וואָס קען אָנגערופען ווערען אַ גוף און נשמה. דאָס איז נישט קיין פּאָעטישע אָדער מיסטישע הנחה, נאָר אַ פּרינציפּ וואָס איז אנערקענט ביי דער וויסענשאַפט פון לינג־וויסטיק אין אַלגעמיין. דער גוף פון יעדער שפּראַך באַשטייט פון דעם אוצר ווערטער און פון דער גראַמאַטיק א. א. וו. די נשמה פון אַ שפּראַך — ענליך צו דער נשמה פון אַ מענטש — באַשטייט פון דעם גייסט וואָס לעבט אויף די שפּראַך, דאָס וואָס שאַפט פאַר דער שפּראַך אַ ספּעציפישען כאַראַקטער וואָס לאָזט זיך מערקען דאָ און דאָרט בלויז דורך איידעלע רמזים. עס איז אַ זאַך וואָס לאָזט זיך נישט פילען אָדער אָנטאַפּען מיט די הענט.

אין די מערסטע פאַלען גייען דער גוף און די נשמה פון אַ

שפּראַך האָט אין האַנט. אָבער עס פּאַסירט אויך אַז אַ שפּראַך וואָס איר גוף באַלאַנגט צו איין פאָלק, ווערט אויך די שפּראַך פון אַן אַנדער פאָלק — צום גרעסטן טייל צוליב היסטאָרישע אָדער פּאָליטישע סיבות. דער רעזולטאַט פון אַזעלכע פאַלען איז, אַז די שפּראַך פאַרלירט איר אורשפּרינגליכע „נשמה" און עס ווערט אויסגעביטען אויף דער „נשמה" פונעם פאָלק וואָס רעדט די שפּראַך, כאָטש דער גוף, דאָס הייסט דער אויסערליכער געבוי און דער גרעסטער טייל פון ווערטער אוצר, בלייבט ווי געוועזן.

צום דעם סאָרט באַלאַנגט אויך, למשל, די אַמהאַרישע שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט אין אַביסיניען, און וועלכע איז אייגענטליך אַ סעמיטישע שפּראַך, געבויט לויט די כללים פון סעמיטישע שפּראַכען, אָבער דאָס פאָלק וואָס רעדט די שפּראַך זיינען נעגערס, נישט קיין סעמיטען, און דעריבער איז די אַמהאַרישע שפּראַך געוואָרען אַ שפּראַך פון נישט קיין סעמיטישען כאַראַקטער. אַזוי קען מען אויך צורעכענען צו דעם סאָרט די רומענישע שפּראַך, וועלכע באַלאַנגט אייגענטליך אויך צו דער גרופּע פון לאַטיינישע שפּראַכען (ווי למשל פראַנצויזיש און איטאַליעניש), פונדעסטוועגען אונטערשיידעט זי זיך פון זיי פולשטענדיג צוליב דעם פאַקט וואָס דאָס רומענישע פאָלק איז נישט פון לאַטיינישען כאַראַקטער.

אין דעם באַשטייט דער אונטערשיד צווישען לשון הקודש און דעם ציוניסטישען עברית. דאָס מאָדערנע העברעאיש איז דורכגעדרונגען פולשטענדיג מיט דעם „נהיה ככל הגוים" גייסט, כאָטש אויסערליך איז עס פאַרבליבען לשון הקודש. אַז מען וויל קען מען אויך דאָ באַנוצען דעם משל פון אַן אתרוג נאָך סוכות וואָס מיר האָבען פריער געבראַכט. פּונקט ווי אַן אתרוג ווען מען נוצט אים אַנדערש און נישט אין דער צייט וואָס די תורה הקדושה האָט געבאָטען ווערט דערפון אַן איינפאַכע פּרי אָן שום קדושה, אַזוי איז אויך דאָ דער פאַל.

כאָטש מען דאַרף נישט גיין וויט צו געפינען ראיות דערצו, דאָך וועט זיין אינטערעסאַנט אָנצוגעבען דעם פאָלגענדען פאַקט, נישט אַלס באַווייז אָדער ראיה, נאָר אַלס כאַראַקטער שטריך, וואָרים דער פאַקט

איז אויך אנערקענט געוואָרען אפילו דורך די נישט־אידישע פּראָפעסיאָנעלע שפּראַכען פאָרשער. דער באַוואוסטער דייטשער סעמיטאָלאָג בערגשטראַסער שרייבט אין זיין בוך „איינפירונג אין די סעמיטישע שפּראַכען" (מינכען 1928) וועגען העברעאיש ווי איינע פון די סעמיטישע שפּראַכען צוגלייך מיט אַסיריש, אַראַביש, סיריש, אַבעסיניש וכדומה. זיין אָפּהאַנדלונג איבער העברעאיש צעטיילט ער אין דריי טיילען: אַלט לשון הקודש (די שפּראַך פון תנ"ך), מיטל לשון הקודש (די שפּראַך פון משניות), און דאָס מאָדערנע העברעאיש. וועגען דעם מאָדערנעם העברעאיש פירט ער אויס, אַז דער פאַרזוך אויפצולעבען די העברעאישע שפּראַך האָט דערפירט „צו אַ העברעאיש, וואָס איז אין דער ווירקליכקייט אַן אייראָפּעאישע שפּראַך מיט דורכזיכטיגער העברעאישער פאַרקליידונג... און נאָר מיט אַ גאַנץ אויסערליכען העברעאישען כאַראַקטער" (זייט 47).

עס איז נישט לייכט זיך אַריינצולאָזען אין די פּרטים פון שפּראַך וויסענשאַפט כדי אויפצואווייזען אין וואָס עס באַשטייט אָט די „טראַנספאָרמאַציע". דערפאַר אָבער וועלען מיר בעסער ציטירען עטליכע ממשות'דיגע מוסטערן פון דעם מאָדערנעם העברעאיש, וועלכע קוקען אויס פון אויבען אויף צו זיין גאַנץ אומשולדיג, און דאָך באַווייזען זיי די שטרעבונג צו „נאַציאָנאַליזירען" די שפּראַך.

„חשמל" איז דאָס וואָרט מיט וועלכען עס ווערט אין העברעאיש באַצייכענט עלעקטריק. דאָס דאָזיגע וואָרט האָט דעם מקור אין ספר יחזקאל (א, ד) אין דעם קאַפּיטל אין וועלכען עס רעדט זיך וועגען דער „מעשה מרכבה", וואָס דאָס איז איינס פון די פאַרהייליגטסטע קאַפּיטלען אין תנ"ך. נאָר יחידי סגולה — און אויך זיי נאָר אין געוויסע באַשטימטע באַדינגונגען — מעגען עוסק זיין אין די סודות וואָס עס רעדט זיך אין דעם קאַפּיטל. אין זיין נבואה האָט יחזקאל הנביא געזען אַ גרויס פייער און פון דאָרט אַזוי ווי אַ „חשמל".

וואָס דער פשוט'ער טייטש פון דעם וואָרט „חשמל" איז, איז אַן ענין פאַר די מפרשים. דער תרגום השבעים פאַרטייטשט דאָס וואָרט „חשמל" אויף „עלעקטראָן", וואָס איז אַ באַצייכענונג אין גריכיש פאַר

אַ סובסטאַנץ וואָס ווערט היינט גערופען „אַמבער" — אַ געגענשטאַנד וואָס אַז מען רייבט אים אַנטשטייט אַן עלעקטרישער שטראָם (פון דאָרט נעמט זיך וואָס דאָס רוב אייראָפּעאישע שפּראַכען נוצען דאָס וואָרט „עלעקטריק" פאַר דעם דאָזיגען שטראָם). פאַרשטייט זיך אַז מיר האָבען נישט בדעה דאָ אַריינצוגייען אין דעם לאַבירינט פון פאַרטייטשען פסוקים אָדער שפּראַכען. אָבער אין דער ווירקליכקייט איז דער רע־זולטאַט דער:

דאָס וואָרט „חשמל" רופט אַרויס אין האַרץ פון יעדען איד, יונג ווי אַלט, אַ הייליגען ציטער. „חשמל" איז אַ באַגריף וואָס דער געדאַנק פאַרבינדט איהם אויטאָמאַטיש מיט מעשה מרכבה, מיט די סודות פון וועלט באַשאַף, און מיט די העכערע ספירות.

אָבער דאָס קינד, אָדער דערוואַקסענער, וואָס רעדט דעם מאָדער־נעם העברעאיש ווייסט אַז „חשמל" מיינט עלעקטרישע קראַפט, — אַ זאַך וואָס ער באַנוצט זיך דערמיט אין טעגליכען געברויך הונדער־טער מאָל, — און וואָס רופט אין איהם נישט אַרויס קיין שום רגש פון קדושה און קיין שום אַסאָסיאַציעס אויסער דאָס וואָס איז פאַרבונדען מיט זיין וואוינונגס־צימער, ראַדיאָ, טעלעוויזיע וכדומה.

ווען דאָס קינד שטויסט זיך אָן אין דעם וואָרט „חשמל" אין ספר יחזקאל, ווערט אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין פאַרוואַנדעלט די גאַנצע געטליכע נבואה אין אַ פאַרס און לעכערליכקייט, ח"ו. אין זיין אונטער־באַוואוסטזיין שטעלט ער זיך פאַר דעם גאַנצען ענין פון מעשה מרכבה ווי אַ שפּיל פון עלעקטרישע רעפלעקסען. די גאַנצע באַציאונג צו מעשה מרכבה ווערט אַזוי אַרום פאַרוואַנדעלט אין אַ באַציאונג פון וואָכעדיגקייט, אין בעסטען פאַל. — און דאָס איז אייגענטליך די כוונה וועלכע דאָס „אויפלעבען די שפּראַך" צילט צו דערגרייכען.

אַ צווייטער מוסטער — דאָס מאָל פון דעם ווערטער אוצר פון די חז"ל: דאָס וואָרט „אגדה". אין געדאַנק פון יעדען תורה־טריידען איד, פון אידען פאַר'ן ציוניזם, סיי פון תלמיד חכם און סיי פון פשוט'ן מענטש, האָט דאָס וואָרט „אגדה" באַצייכענט די דברי מוסר פון די הייליגע חכמים, דעם טייל פון דער תורה וואָס ווערט אין חסידות

אַנגערופען „פנימיות התורה״. דאָס וואָרט „אגדה״ האָט אַרויסגערופען אין האַרץ פון יעדען איד ליכטיגקייט און תמימות, מאָראַלישע התחזקות, אַ שטאַרקע ליבשאַפט און אַ פעסטען קשר צו די חכמים פון פאַר־צייטענס.

אין מאָדערנעם העברעאיש אָבער קומט דאָס וואָרט „אגדה״ צו באַצייכענען לעגענדעס און פאָלקס־מעשות. אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין פון קינד וואָס ווערט דערצויגען אויף דעם מאָדערנעם העברעאיש ווערען פאַרוואַנדעלט די אגדות פון די חז״ל אויף דערציילונגען פון דעם סאָרט למשל ווי „די דריי קליינע בערן״, „די כינעזישע לעגענדע״ וכדומה. און ווידעראַמאָל: דאָס איז צו וואָס דער ציוניזם צילט.

זאָל דערלויבט זיין פאַר דעם מחבר צו פאַרענדיגען דאָס דאָזיגע קאַפּיטל מיט אַ פאַקט וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ טראָפּען הומאָר, אָבער וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס איך האָב געהערט דערציילען פון איינעם פון מיינע ידידים אין ירושלים. דער דאָזיגער ידיד מיינער — זיינע אייניקלעך וואוינען אין אַ מושבה נעבען תל־אביב. זייער שפּראַך איז, פאַרשטייט זיך, העברעאיש, אָבער זיי קענען אויך ריידען גאַנץ פליסיג אידיש, איבערהויפּט מיט זייער זיידע און באָבע. איין טאָג פרעגט מיין פריינט זיין אייניקל אַ קליין מיידעלע: „וואָס זאָגט מען ווען מען פרעגט „מה שלומך?״

דאָס קליינע מיידעלע האָט באַלד געענטפערט: „ווען מען פרעגט אין העברעאיש „מה שלומך״ דאַרף מען ענטפערען „טוב מאוד״. און ווען מען פרעגט אין אידיש „וואָס מאַכסטו?״ ענטפערט מען „ברוך השם״.... — מפי עוללים ויונקים...

אויסערדעם אַנטהאַלט אין זיך די טראַנספאָרמאַציע פון לשון הקודש אויף מאָדערנעם העברעאיש די סכנה, אַז מען זאָל נוצען די שפּראַך אַלס אַן „ערזאַץ״ פאַר דער תורה, פאַר די וועלכע זוכען און בענקען נאָך אַ „גייסטיגען אינהאַלט״, כדי אויסצופילען דעם וואַקוּאום וואָס האָט זיך געשאַפען אין זייערע הערצער נאָכ׳ן פאַרלאָזען די תורה. און פאַקטיש ווערט דאָס טאַקע אַזוי געטאָן.

נישט קיין חידוש דעריבער וואָס העברעאיש איז געוואָרען גאַנץ

שנעל אַ מין „ספאָרט" און צעשטרייאונג פון דער „אויפגעקלערטער" ציוניסטישער יוגענט אין די מזרח־איראָפּעאישע שטעטלעך. כדי צו פאַרשטאַרקען די צוציאונגס קראַפט פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט אונטערצושטרייכען דעם אונטערשיד פון העברעאיש צו לשון הקודש פון בית המדרש, איז עמיצער געפאַלען אויף אַ וואונדערבאַרער המצאה: איינצופירען די הברה ספרדית (וואס, ווי מיר וועלען באַלד זען, איז נישט ספרדיש בכלל). דאָס האָט געלאַקט און געצויגען צו לערנען העברעאיש, געבענדיג איהם אַן עקזאָטישען קלאַנג, וואָס האָט באַגייסטערט די פאַנטאַזיעס פון דער יוגענט אין די קליינע שטעטלעך. אַלס באַגרינדונג פאַרוואָס עס ווערט איינגעפירט די הברה ספרדית איז אָנגעגעבען געוואָרען דער תירוץ, אַז דאָס איז כלומרשט די אור־אַלטע פאַרצייטישע הברה און איז מער ריכטיג.

פון וויסענשאַפטליכען שטאַנדפונקט איז די גאַנצע באַגרינדונג — מילד גערעדט — אַביסעל אַמאַטאָריש. ערשטענס, די באַהויפּטונג אַז די ספרדישע הברה (אפילו די ריין ספרדישע) איז עלטער פון דער אשכנזישער הברה איז אַ זאַך וואָס דאַרף נאָך באַוויזען ווערען. אָבער אפילו ווען דאָס זאָל יאָ באַוויזען ווערען, קען מען נאָך אַלץ פרעגען אפילו פון נאַציאָנאַליסטישען שטאַנדפונקט — און אפילו נישט רע־כענענדיג זיך מיט דעם טראַדיציאָנעל אידישען פרינציפּ „אל תטוש תורת אמך" — צי קען דינען די באַגרינדונג אַז די ספרדישע הברה איז די אַלטע הברה, אויף צו באַנוצען זיך מיט איר אויך היינט צו טאָג. אויב מען וויל זיך פירען „ככל הגוים" — איז דאָך די אויסשפּראַך פון דאָס רוב איראָפּעאישע לענדער פיל אַנדערש היינט ווי עס איז געווען מיט אַרום אַכט־הונדערט יאָר צוריק.

אויסערדעם איז אפילו פון היסטאָרישען שטאַנדפונקט אַליין נאָך נישט אַבסאָלוט באַוויזען געוואָרען אַז די ספרדישע הברה איז טאַקע די אור־אַלטע הברה. די אַנגענומענע מיינונג אין דער וועלט פון דער שפּראַך וויסענשאַפט — און עס רעדט זיך דאָ נישט דוקא וועגען חרדישע אידען, נאָר וועגען פּראָפעסיאָנעלע לינגוויסטען — איז מער נוטה אָנצונעמען אַזביידע הברות זיינען פאַרצייטישע, נאָר מיט איין

אויסשפּראַך האָט מען זיך באַנוצט אין יהודה, און מיט דער צווייטער אין גליל און אין צפון. אונטערשיידען אין דער אויסשפּראַך אין פאַר־שידענע טיילען פון לאַנד, אין דער שי״ן למשל, ווערען שוין דער־מאנט אין תנ״ך, אין ספר שופטים („שבולת — סבולת״). אַלענפאַלס איז אַ פאַקט אַז די אויסשפּראַך פון די תימנ׳ער אידען איז שטאַרק ענליך צו דער אשכנזישער, און דוקא צו דער אויסשפּראַך פון די ליטווישע אידען (וואו אַ חולם ווערט אַרויסגערעדט באַלד ווי אַ צירי) — און קיינער האָט נאָך פונדעסטוועגען נישט באַהויפּטעט אַז די אידען פון תימן זיינען ווען עס איז אַמאָל געשטאַנען אונטער אשכנזישער השפעה און אוודאי נישט ליטווישער. לויט ווי די תימנ׳ער אידען זיינען מקובל פון זייערע פריערדיגע דורות, זיצען זיי שוין אין תימן נאָך פון די צייטען פון בית ראשון.

(עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען ביי דער געלעגענהייט, אַז אויך אין אַנדערע שפּראַכען זיינען פאַראַן אַזעלכע אונטערשיידען. ווי למשל אין דער סירישער שפּראַך. אין געוויסע טיילען אין לבנון און אין אַלטען ארם (רוסיש אַזיע) זיינען פאַראַן צוויי אויסשפּראַכען וואָס זייער אונטערשייד באַשטייט אין דער אויסשפּראַך פון די קלאַנגען פונקט ווי ביי אונז צווישען חולם און צירי).

אויסערדעם, און מיר ריידען ווידער בלויז פון שפּראַכליכען שטאַנדפּונקט, נישט אַריינלאָזענדיג זיך אין אַנדערע פאַקטאָרען — האָט דער ציוניזם מיט׳ן באַשטימען די ספרדישע הברה דערגרייכט אַ מצב פון „קרח מכאן וקרח מכאן״. די מעלה פון דער אשכנזישער הברה איבער דער ספרדישער באַשטייט אין דעם וואָס עס ווערט געמאַכט אַ גרעסערער אונטערשייד צווישען די וואָקאַלען (קמץ און פתח), און אין דעם אונטערשיד פון צווישען ת און ת (מיט אַ דגוש). די מעלה ווידער פון דער ספרדישער הברה איבער דער אשכנזישער איז אין דער אויסשפּראַך פון די קלאַנגען וואָס קומען פון האַלדז (א און ע, כ און ח וכדומה). אין דער אויסשפּראַך זיינען אָבער נזהר בלויז די ספרדישע אידען וואָס שטאַמען פון די אַראַבישע געגענטען, וואו עס זיינען פאַראַן אַזעלכע אונטערשיידען. פאַרשטייט זיך אַז עס

איז נישט פאַראַן קיין שום אָרגאַנישער קשר צווישען „ספרדישער הברה" (ווי דער קמץ איז גלייך צו אַ פתח) צו דער פינקטליכער אויסשפּראַך פון די אותיות וואָס קומען פון האַלדז. (די תימנ'ער למשל, וואָס זייער אויסשפּראַך איז, ווי געזאָגט, ענליך צום „אשכנזישען" וואָס איז נוגע קאָנסאָנאַנטען און דעם אות תי"ו זאָגען זיי אַרויס די האַלדז־אותיות — ט און ק בכלל — נאָך מיט אַ גרעסערען אונ־טערשייד פון די ספרדים, און אַזוי אויך אונטערשיידען זיי צווישען אַ רפא און דגוש פון די אותיות ג און ד — אין קעגענזאַץ צו די ספרדים).

די מאָדערן העברעאישע אויסשפּראַך — אפילו פון שפּראַכליכען שטאַנדפּונקט אַליין — נעמט אין זיך צונויף די חסרונות פון אַלע הברות: דאָס נישט מאַכען קיין אונטערשייד צווישען קמץ און פתח — ווי די ספרדים, און דאָס נישט ריכטיגע אַרויסרעדען די האַלדז־אותיות — ווי די אשכנזים.

נאַטירליך אַרט דאָס קיינעם נישט. וואָרים „דאָס אויפלעבען פון דער שפּראַך" איז אויך נאָר אַ מיטל צום איינציגען ציל: צו טראַנס־פאָרמירען לשון הקודש אין „אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך" אַלס אַ טייל פון דער טראַנספאָרמאַציע פון אידישען פאָלק אין אַ „גוי ככל הגוים".

י.

פאַרוואָס איז דער ציוניזם אַזוי מצליח

עס איז נישט קיין וואונדער וואָס דער ציוניזם האָט אַזוי שטאַרק מצליח געווען אַריינצודרינגען צווישען די מאַסען. אפילו מיט 50 יאָר צוריק איז נישט יעדער געווען „אינטעליגענט" און נישט יעדער האָט פאַרמאָגט אַ חוש צו דערפילען דעם עיקר ציל פון ציוניזם. „ארץ ישראל" איז אַ צויבער וואָרט ביי יעדען איד. די יוגענט וואָס זייערע פינגערס האָבען שוין אָנגעפאַנגען צו ווערען פאַרסמאַליעט פון אַסימילאַציע און פון נאָכמאַכען די גוי'אישע שכנים, האָבען זיך אָנ־

געכאַפּט אין דער דאָזיגער נייער „אידישקייט״, וועלכע האָט מיט זיך געבראַכט אַ וואונדערבאַרע לאָזונג: מען קען זיין אַ גוטער „איד״ אָן דעם עול פון תורה און מצוות, מען קען געניסען פוןביידע וועלטען מיט איין מאָל, מען קען זיין אַ איד און זאָרגען פאַר רענעסאַנס פון אידישען פאָלק, און גלייכצייטיג הנאה האָבען פון די אַלע תענוגים און פאַרוויילונגען מיט וועלכע די גוי׳אישע גאַס לאַקט. אויך אָט די „ערפינדונג״ האָט איינגענומען פיל הערצער אין די קליינע שטעטלעך. א סך אידען, אפילו יראים ושלמים, פון המון עם, וועלכע האָבען זיך נישט אויסגעקענט אין דעם פּלאַנטער פון די ענינים, האָבען געזען אין ציוניסטישען אידעאַל אַן אָנהויב פאַר דער דערפילונג פון דער משיח׳ישער האָפענונג.

דערצו האָט נאָך דער ציוניזם פון אָנהויב אָן געוואוסט צו פירען אַ פאַרצווייגטע און גרונטליכע פּראָפּאַגאַנדע מיט דער דייטשער פּינקט־ליכקייט, אויסגעאַרבעט דורך אירע גרינדער וועלכע זיינען געווען אין גרעסטען טייל געבוירענע אין דייטשלאַנד, אָדער אַזעלכע וואָס האָבען געענדיגט דייטשע אוניווערזיטעטען.

דער ציוניזם האָט אויך געוואוסט ווי צו ציען מיט די שטריק און אָנשפּאַרען אין די „הויכע פענסטער״ כדי צו פּלעגען און אויפ־בלאָזען שנאת ישראל, דערמיט אַז אידען זאָלען זיך פילען ווי פרעמדע אויף דער ערד אויף וועלכער זיי זיצען (וועגען פּרטים און דאָקומענטען אין דער דאָזיגער אינטערעסאַנטער און ווייניג באַקאַנטער פּרשה, זע דאָס בוך „מי נתן למשסה יעקב״ פון חיים בלאָך, ניו־יאָרק תשי״ז). אָבער די אַלע ענינים האָבען נישט קיין שייכות צו דער בראַשור.

יא.

דאָס חרדישע אידענטום

אונזערע הייליגע חכמים זאָגען: איזהו חכם הרואה את הנולד. דער איבערוויגענדער רוב פון די גדולי ישראל האָבען באַלד פאַר־

שטאַנען די גרויסע סכנה פאַר׳ן אידישען פאָלק — גייסטיג און פיזיש — וואָס דער ציוניזם אַנטהאַלט אין זיך. זייער שטעלונג צום ציוניזם האָט געקענט זיין נאָר אַ נעגאַטיווע, און דעריבער איז זייער נעגאַ־טיווע באַציאונג געווען דאָמינירענד אין אַלע אידישע קרייזען, וואו נאָר עס האָט געגרייכט די השפעה פון די גדולי התורה והיראה.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער ציוניזם האָט זיך נישט געקענט באַ־גרענעצען בלויז צום אידעאָלאָגישען געביט. גוף און נשמה זיינען געקניפט און געבונדען איינס מיט׳ן צווייטען. די ציוניסטישע פּראָפּאַ־גאַנדע האָט דערפירט נישט נאָר צו דער דערוויטערונג טעאָרעטיש פון דער תורה, נאָר האָט אויך, און הויפּטזעכליך, געפירט צום אַראָפּוואַרפען דעם עול פון קיום המצוות.

פונדעסטוועגען איז אַבסאָלוט פאַלש די באַהויפּטונג אַז די קעג־נערשאַפט צום ציוניזם האָט זיך גענומען דערפון וואָס אירע אָנפירער זיינען געווען „פרייע״ — אַ מיינונג וועלכע פירט צו דער לאָגישער מסקנה, צו באַשולדיגען די חרדישע אידען פאַרוואָס זיי האָבען נישט געשטרעבט צו ווערען די אָנפירער פון ציוניזם, און ממילא וואָלטען זיי געפירט דעם ציוניזם אויפ׳ן דרך התורה, און ממילא וואָלט אויך געווען מדינת ישראל געבויט געוואָרען ברוח התורה וכו׳. אַזאַ מיינונג שטאַמט פון נישט ריכטיג באַגרייפען די זאַכען.

די גדולי התורה האָבען נישט גע׳אסר׳ט דעם ציוניזם ווייל אירע באַנען טרעגער זיינען געווען דאָס רוב פרייע. דאָס בילד איז פאַרקערט: נישט דאָס איז געווען די סיבה פאַרוואָס די גדולי התורה האָבען גע׳פסל׳ט דעם ציוניזם, נאָר פאַרקערט, דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט דערפון וואָס די שיטה פון ציוניזם איז פסול. אין אַנדערע ווערטער: עס איז נישט געווען קיין „צופאַל״ וואָס די פאַנען טרעגער פון ציוניזם זיינען געווען פרייע, נאָר דאָס איז פאַרבונדען מיט דעם עצם מהות פון ציוניזם. אויפ׳ן באָדען פון דער תורה, צווישען אידען וואָס זיינען טריי צו דער תורה הקדושה, סיי אין השקפה און סיי אין מעשים, האָט דער ציוניזם קיינמאָל נישט געקענט געבוירען ווערען, וואָרים, ווי מיר האָבען שוין פריער באַוויזען, דער ציוניזם איז אין אַבסאָלוטען

און פולשטענדיגען קאָנטראַסט צו דער השקפה פון דער תורה הקדושה. דער אַרגומענט „ווען די גדולי התורה וואָלטען געווען צוגעשטאַנען צום ציוניזם..." איז אַזוי אַרום אָפּגעפּרעגט לחלוטין, וואָרים: אויב מען וואָלט זיך צוגעהערט צו די גדולי התורה וואָלט קיין ציוניזם בכלל נישט געקענט אַנטשטיין.

אויב עס איז יאָ פאַראַן אַ פראַגע און אַ קשיא, דאַרף זי נישט געשטעלט ווערען אין דער פאָרם: פאַרוואָס זיינען די חרדישע אידען נישט צוגעשטאַנען צום ציוניזם, — נאָר פאַרקערט: ווי קומט עס וואָס חרדישע אידען זיינען צוגעשטאַנען צום ציוניזם? — אָבער וועגען אָט דער פראַגע וועט נאָך ווייטער גערעדט ווערען אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

יב.

די באַלפור דעקלאַראַציע

אין דער צווישען צייט האָבען די ציוניסטישע מנהיגים אָנגעפאַנגען צו „ציען די בענדלעך" אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. די ערשטע וועלט מלחמה האָט געדינט אַלס גוטע געלעגענהייט דערפאַר. די ציוניסטישע פירער האָבען אָנגעבאָטען כמעט פאַר אַלע גרויסמאַכטען די שטיצע פון „אינטערנאַציאָנאַלען אידענטום" אויב זיי וועלען מסכים זיין צו שטיצען דאָס אויפשטעלען אַ „אידישע נאַציאָנאַלע היים" אין ארץ ישראל. ווען עס איז געוואָרען קלאָר אַז ענגלאַנד וועט איינ־נעמען ארץ ישראל פון די טערקען, האָבען די ציוניסטישע פירער פאַרשטאַרקט דאָס „ציען די שטריק" אין דער ריכטונג פון ענגלאַנד. ביז עס איז זיי ענדליך געלונגען אַרויסצוקריגען די באַרימטע דע־קלאַראַציע פון לאָרד באַלפור דעם 2־טען נאָוועמבער 1917, אַז „די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט וועט זען מיט פריינטליכע אויגען דאָס אויפשטעלען אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר דעם אידישען פאָלק אין פּאַלעס־טינא (ארץ ישראל)".

יודעי דבר, און דוקא פון צווישען די ציוניסטען, האָבען גוט געוואוסט אַז די דעקלאַראַציע אין אַזאַ פאַרנעפּעלטען נוסח, איז נישט קיין פולשטענדיגע דערגרייכונג אויף וואָס די ציוניסטען האָבן געוואַרט. און וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער מקור און שורש פון אַלע צרות אין משך פון די 25 יאָר פון בריטישען מאַנדאַט, פונדעסטוועגען האָט עס נישט פאַרמינערט די התלהבות אויף דער אידישער גאַס, און עס זיינען אפילו געווען אַזעלכע וואָס האָבען פאַרגליכען די באַלפור דעקלאַראַציע צו דער דעקלאַראַציע פון כורש אויפצובויען דעם בית שני — נישט מער און נישט וויניגער...

דאָ שטויסען מיר זיך אָן צום ערשטען מאָל אין אַ געשעעניש פון אַ וועלטס פאַרנעם אין אַ געוויסען זין. און היות אידען מאמינים בני מאמינים גלויבען אַז „אין אדם נוקף אצבע קטנה מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה" (אַ מענטש קלאַפּט זיך נישט אָן דעם קליינעם פינגער, אויב מען הייסט נישט אַזוי פון אויבען), האָבען פיל געזען דערין אַ „אצבע אלקים", אַ סאָרט צייכען פון הימעל, אַז פון אויבען האָט מען מסכים געווען צו די פּלענער פון ציוניזם.

ובפרט דערנאָך ווי סיר — היינט לאָרד — הערבערט סעמויעל איז נאָמינירט געוואָרען אַלס דער ערשטער הויך קאָמיסאַר, נאָכדעם ווי ענגלאַנד האָט געקראָגען דעם מאַנדאַט פון דער פעלקער־ליגע, און סיר הערבערט סעמיועל איז געגאַנגען צופוס פון זיין פּאַלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ באַרג אין דרום ירושלים, ביז צו דער „חורבה" שוהל פון ר' יהודה החסיד אין מזרח טייל פון אַלט ירושלים, און האָט דאָרט עולה געווען „מפטיר" און דערצו נאָך געוויינט ביי די ווערטער „על כסאו לא ישב זר" — איז זיך לייכט פאָרצושטעלען אַז אין די הערצער פון פיל אידען זיינען געבוירען געוואָרען משיח'ישע האָפענונגען. פיל פון די אַלטע ירושלימ'ער איינוואוינער וועלען נאָך אפשר געדענקען, אַז עס זיינען געווען אין ירושלים שוהלען, אין וועלכע מען האָט אַריינגענומען אין נוסח פון קדיש די פאָלגענדע ווערטער: „בחייכון וביומיכון וכו' ובחיי אליעזר בן מנחם", דער נאָמען פון סיר הערבערט...

דאָ דאַרפֿען מיר זיך אָפּשטעלען וועגען אַ פראַגע וואָס איז אין די לעצטע יאָרען געוואָרען אַ טעמע פאַר שטורמישע וויכוחים אויף דער אידישער גאַס, ובפרט נאָך דער מלחמה אין סיני־סועץ — די פראַגע פון „נסים אָדער נישט נסים״.

נישט אַריינגייענדיג אין דער עצם חקירה, זאָל דערלויבט זיין דאָ צו זאָגען אַז די וואָס פירען די וויכוחים זיינען זיך נישט מתווכח איבער אַ טעמע וואָס לאָזט זיך דיסקוטירען און שפּאַרען דעריבער. וואָס עס געשעט „בהדי כבשי דרחמנא״ באַלאַנגט נישט צו אונז. די מעטאַפיזישע אָפּשאַצונג פון דער אָדער יענער געשעעניש איז אַ טיפער און איידעלער ענין, וואָס עס איז נישט שייך דעריבער קיין וויכוחים.

די פראַגע וואָס אינטערעסירט אונז איז, וואָס איז די מסקנא וואָס מיר דאַרפֿען ציען אויף ד ע ר וועלט פון אָט די פאַרשידענע געשעענישען. און אויף דער דאָזיגער שאלה האָבען מיר לויט דער השקפה פון דער תורה בלויז איין פּראָוושטיין : צי זיינען זיי אין איינ־קלאַנג מיט דער תורה און מצוות ? עס איז נישט פאַראַן קיין שום מענטש אין דער וועלט, אפילו נישט קיין נביא אָדער אומנאַטירליכע געשעעניש, וואָס זאָל באַרעכטיגען, על פי דעת תורה דאָס אויסרייסען אפילו דעם קלענסטען טייל פון דער תורה. אויב עס וועט קומען אַ נביא און ער וועט ווייזען אַן אמת׳ן מופת (אַן אומנאַטירליכע זאַך, ווי דער רמב״ן שרייבט אין דברים יג, ב) און ער וועט פאָדערן אויפ׳ן סמך פון דעם נס וואָס ער האָט אָנגעזאָגט פריער, אָפּצושאַפען אפילו איין מצוה דרבנן, טאָר מען זיך צו אים נישט צוהערען. „אפילו מעמיד לך חמה באמצע הרקיע לא תשמע לו״ — אפילו ווען ער זאָל אָפּשטעלען די זון אין מיטען הימעל, זאָלסטו זיך צו אים נישט צוהערען (סנהדרין צ׳ ע״א). אפילו ווען ער זאָל איבערצייגען מיט אותות ומופתים — צוריקקומענדיג צו אונזער ענין — אַז די באַלפור דעקלאַראַציע איז ממש אַ נס, אַז עס איז געקומען אַ מלאך פון הימעל און האָט זיך געשטעלט אין מויל פון באַלפור און גערעדט פון אים דאָס וואָס ער האָט גערעדט, און אויב מען זאָל וועלען אויף דעם דאָזיגען סמך פאַר־

לאַנגען מיר זאָלען אנערקענען די ריכטיגקייט פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, טאָרען מיר דאָס נישט טאָן על פי התורה, און אין די אַלע באַוויזען וואָלט נישט געווען קיין שום איבערציגונג אָנ־צונעמען די ציוניסטישע השקפה. עס וואָלט בלויז געווען אַן אויסדרוק פון נאָך אַ נסיון, אויסצופרובירען אויב אידען זיינען אויסגעהאַלטען און טריי צו זייער תורה און אמונה.

דער זעלבער פּרינציפּ איז נוגע נישט נאָר וואָס אנבאַלאַנגט די באַלפור דעקלאַראַציע, נאָר נאָך פיל מער די גרויסע געשעענישען אין די ערשטע טעג וואָס די מדינה איז אַנטשטאַנען און והען עס זיינען אַנגעגאַנגען די מלחמות. מיר האָבען אָבער געפונען פאַר וויכטיג צו באַהאַנדלען דעם ענין פון באַלפור דעקלאַראַציע, ווייל די גרעסערע דיסטאַנץ אין צייט דערמעגליכט בעסער אַ רואיגערע אַנאַליזאַציע.

צי די באַלפור דעקלאַראַציע איז געווען אַ גרויסע טובה פאַר דעם כלל ישראל, פון מאַטעריעלען שטאַנדפונקט — וועגען דעם איז פאַראַן געגנוג וואָס צו דיסקוטירען. אפילו אין דעם ציוניסטישען לאַגער אַליין זיינען נישט אַלע איינשטימיג אין דער דאָזיגער פראַגע. אָבער דאָס איז נישט אונזער אויפגאַבע דאָ. איין זאַך אָבער האָט די באַלפור דעקלאַראַציע לכל הדעות מחדש געווען אין באַצוג צום חרדישען אי־דענטום: די דאָזיגע געשעענישען האָבען מיט זיך געבראַכט נייע אויפגאַבע און פליכטען. אין דער שטעלונג און אין דער אויפפאַסונג פון חרדישען אידענטום איז נישט אַנטשטאַנען קיין שום ענדערונג, ווייל עס קען נישט זיין קיין שום ענדערונג אין דער תורה השקפה. אָבער בעת דער ציוניזם איז אַריבער אין אַ נייער סטאַדיע, געוואָרען מער אַקטיוו, איז געוואָרען קלאָר אַז די רעאַקציע פון חרדישען צד האָט אויך געדאַרפט אָננעמען נייע וועגען און פאָרמען.

וואָס זיינען די דאָזיגע וועגען? דאַרף מען אויפשטעלען אַן אָר־גאַניזירטען כח, מיט אַלע קליפּערלעך פון אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, אַנטקעגען דעם ציוניסטישען כח; אָדער איז בעסער צו קאָנצענטרירען זיך אין אָפּהיטען אידישקייט, פלעגען די תורה׳דיגע השקפות אויף אַ לאָקאַלען און אינדיווידועלען שטייגער?

וועגען דער פראַגע זיינען אַנטשטאַנען חילוקי דעות. אויף דעם סמך איז געגרינדעט געוואָרען פון איין זייט די אגודת ישראל, וואָס איר הויפט קאָנצענטראַציע איז געוועזן אין דייטשלאַנד און אין געוויסע טיילען פון פוילען; פון דער צווייטער זייט האָט זיך אַרויסגעהויבען די שטעלונג פון אַנדערע חרדישע אידען, הויפטזעכליך אין אונגאַרן, גאַליציען, און אין אַ געוויסער מאָס אין ליטע, וועלכע האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע. די דאָזיגע אַנטוויקלונגען זייער פאַר זיך זייער אינטערעסאַנט, אָבער נישט דאָ איז דאָס אָרט וועגען דעם צו שרייבען.

עס זיינען אויך געווען חילוקי דעות אינערהאַלב די חרדישע קרייזען (אין דער אגודת ישראל און אויסער איר), וואָס עס דאַרף זיין די פּראַקטישע שטעלונג פון חרדישע אידען אין באַצוג צו ישוב ארץ ישראל. צי דאַרף מען אַקצעפּטירען הכשרה און עליה קיין ארץ ישראל און שיקען אַהין רעליגיעזע „חלוצים" כדי זיי זאָלען דאָרט אויפלעבען דעם תורה גייסט, אָדער דאַרף מען זיך אָפּהאַלטען דערפון, צוליב דעם חשש וואָס דאָס קען אויסגעטייטשט ווערען אַלס הסכמה צו דער אידעאָלאָגיע פון „חלוציזם" בכלל, און צוליב דער מורא אַז רעליגיעזע עולים אַליין וועלען מושפּע ווערען פון ציוניזם. עס איז פאַרשטענדליך אַז דאָ רעדט זיך נאָר וועגען די — פון ביידע צדדים — וועלכע האָבען אויפריכטיג און ערליך געגלויבט אין זייער שיטה, און נישט פון די וואָס האָבען דאָס אויסגענוצט אַלס פּאָליטישען אָדער קלייזעלדיגען (און אפילו נישט געלט) אינטערעס.

אויך אין די דאָזיגע חילוקי דעות — אויף וויפיל די חילוקי דעות זיינען געווען צווישען די וואָס האָבען אויפריכטיג געגלויבט אין זייערע איבערצייגונגען — זיינען אָבער נישט געווען קיין חילוקי דעות וואָס עס דאַרף זיין די שטעלונג פון חרדישען אידענטום אין באַצוג צום ציוניזם. פאַרקערט, אויך די וואָס האָבען יאָ געהאַלטען פון עליה קיין ארץ ישראל וכדומה, האָבען געפונען פאַר נאָך מער וויכטיג אונטערצושטרייכען זייער קעגנערשאַפט צום ציוניזם. אַלס ביישפּיל קענען מיר ברענגען ד״ר יצחק ברייער ז״ל, וועלכער איז

געווען דער אָנהענגער פון אַ „פּראָ־ארץ־ישראל״ ריכטונג, דוקא ער האָט אָנגערופן די ציוניסטישע שאַפונג אין ארץ ישראל מיט דער באַצייכענונג „אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר דער עבודה זרה״.

אין יאָר תרצ״ז — ווען אין ארץ ישראל זיינען פאָרגעקומען די בלוטיגע פּאָגראָמען — איז פאָרגעקומען אין מאַריענבאַד די „כנסיה גדולה״ פון אגודת ישראל. מיט אַ גאַנץ קורצער צייט פריער האָט די „פּיל קאָמיסיע״ (די אויספאָרשונגס קאָמיסיע פון דער בריטישער רעגירונג וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען לאָרד פּיל) פאַרעפענטליכט איר פּראָטאָקאָל וועלכער האָט אויך אַנטהאַלטען רעקאָמענדאַציעס פאַר דער „לעזונג פון דעם אידיש אַראַבישען פּראָבלעם אין פּאַלעסטינא״. די דאָזיגע רעקאָמענדאַציעס האָבען צום ערשטען מאָל באַנוצט דאָס וואָרט „אידישע מדינה״. עס האָט זיך גערעדט וועגען אַ מדינה פון גאָר אַ קליינעם טייל פון דער מאַנדאַט טעריטאָריע — נאָך פיל קלענער ווי לויט דעם באַשלוס פון דער יו־ען דעם 29־טען נאָוועמבער 1947 — אָבער פאָרט אַ אידישע מדינה.

דער דאָזיגער פאָרשלאָג, ווען נישט דאָס וואָס ער האָט אַנטהאַלטען אַ פונקט אַז ירושלים זאָל פאַרבלייבען אויסער די גרענעצען פון דער „אידישער מדינה״, וואָלט אוודאי געווען אַרויסגערופען אַ שטראָם פון געוואַלדיגער באַגייסטערונג וועגען אַן „אתחלתא דגאולה״. און פאַקטיש זיינען טאַקע געווען אַזעלכע וואָס זיינען שטאַרק באַגייסטערט געוואָרען פון דער רעקאָמענדאַציע פון דער פּיל קאָמיסיע. נישט פיל וייסען אפשר דעם פאַקט אַז איתמר בן אב״י האָט דעמאָלט אַרויס־געגעבען אין תל־אביב אַ צייטשריפט (פון וועלכען עס זיינען ערשינען בלויז אַ קליינע צאָל עקזעמפּלאַרען) מיט דעם דאַטום „שנת א׳ לגאולת ישראל״...

דער ציוניסטישער קאָנגרעס וואָס איז אויך אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין יענעם זומער תרצ״ז, איז געשטאַנען גענצליך אונטער׳ן צייכען פון „יאָ אָדער ניין״, אַקצעפּטירען די רעקאָמענדאַציעס פון דער פּיל־קאָמיסיע, אָדער אָפּוואַרפען זיי. און עס איז נאַטירליך אַז אויך די כנסיה גדולה פון דער אגודת ישראל איז געשטאַנען אונטער׳ן זעלבען

צייכען, כאָטש פון אַ גאָר אַנדערן צוגאַנג. אויף דעם ציוניסטישען קאָנגרעס איז געשטאַנען די פראַגע: אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג פון „חלוקה" כאָטש דאָס באַדייטעט מוותר צו זיין אויף וויכטיגע און גרויסע געביטען פון ארץ ישראל וואָס וועלען נישט אַריינגענומען ווערען אין דער אידישער מדינה, אָדער זיך קעגענשטעלען דעם חלוקה פּלאַן ווייל ער שליסט נישט איין די גרויסע טיילען אין דער אידישער מדינה. ביי דער „כנסיה גדולה" אָבער איז געשטאַנען די פראַגע וועגען דעם עצם צושטימען און מסכים זיין צו אַ אידישער מדינה.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען אַז דער באַשלוס איז געווען אַן אַבסאָלוטער „ניין!" נישט צושטימען צו אַ אידישער מדינה. און אין דעם „ניין" זאָגען איז נישט געווען קיין אונטערשייד צווישען די וואָס האָבען געהאַלטען אַז מען דאַרף יאָ שיקען „חלוצים" קיין ארץ ישראל, און אפילו די פאַרשטייער פון די געציילטע קיבוצים וואָס די אגודת ישראל האָט דעמאָלט פאַרמאָגט, און צווישען די וואָס זיינען געווען אויך קעגען דעם. הגאון ר' חיים עוזר גראָדזענסקי ז"ל — וועלכער איז אויך נישט געווען פאַררעכענט צום „עקסטרעמען" פליגל — האָט אין זיין בריוו צו דער כנסיה גדולה (צוליב זיין געזונט צושטאַנד האָט ער נישט געקענט פערזענליך זיך באַטייליגען) געשריבען „אויב אפילו עס וועט אַנטשטיין אַזאַ מדינה, וועט עס העכסטענס זיין אַ מדינה וואָס אירע מושלים זיינען אידען, אָבער נישט קיין אידישע מדינה".

די החלטה פון דער „מועצת גדולי התורה" וואָס איז דעמאָלט איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען, זאָגט: „אַ אידישע מדינה וואָס איז נישט באַזירט אויף די יסודי התורה איז אַ פאַרלייקענונג פון אידישען מקור, עס איז אין קעגענזאַץ צום אמת'ען געשטאַלט און מהות פון אונזער פאָלק און גראָבט אונטער דעם קיום פון אידישען פאָלק".

אין די החלטות פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון דער „כנסיה גדולה" אין תרצ"ז זאָגט זיך: „די כנסיה גדולה קען נישט געבען איר צושטימונג צו אַ אידישער מדינה לויט ווי זי איז געוואָרען פאַרגעשלאָגען דורך דער פּיל קאָמיסיע". — מען דאַרף דאָ אין אַכט

נעמען אַז די החלטה זאָגט נישט אַז די כנסיה גדולה איז נישט מסכים צום גאַנצען פאָרשלאָג פון דער פיל קאָמיסיע, צו שאַפען אַ אידישע מדינה, נאָר אַז זי איז נישט מסכים צו אַ אידישער מדינה לויט ווי עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען דורך דער פיל קאָמיסיע...

יג.

דער חורבן און די יאָהרען דערנאָך

די מורא׳דיגע קאַטאַסטראָפע און דער חורבן פון אייראָפּעאישען אידענטום זיינען אַזעלכע שרעקליכע געשעענישען, וואָס אפילו היינט, איבער פופצען יאָר דערנאָך, זיינען מיר נישט בכח צו באַגרייפען זייער שרעקליכען פאָרנעם. וואָס עס זאָל נישט געזאָגט אָדער געשריבען ווערען וועגען דעם, וועט עס זיין נישט מער ווי אַן אָפּגעריבענע מטבע, וואָרים די זאַכען זיינען געוואָרען אַן ענין פון אויסגעדראָשע־נער מליצה וואָס יעדער איז זיך דערמיט מטפל. מיר האָבען נישט בדעה דאָ איבערצו׳חזר׳ן די ווערטער פון וויטאָג און אויפריכטיגען צער אין אַנבליק פון דעם גרויסען חורבן, וואָס פולט אָן בלי ספק יעדעס אידישע האַרץ, מיר ווילען זיך בלויז קאָנצענטרירען צו די ענינים וואָס זיינען נוגע דירעקט צו אונזער טעמע.

אינעם חורבן פון דער צווייטער וועלט מלחמה זיינען אומגעבראַכט געוואָרען נישט בלויז זעקס מיליאָן פון די 16 מיליאָן אידען איבער דער וועלט, נאָר עס איז פאָרטיליגט געוואָרען דער צענטראַלער לעבנס־נערוו פון כלל ישראל. אויב נאָכ׳ן חורבן איז געבליבען לעבען דער כלל ישראל, איז דאָס איינס פון די וואונדערליכע סודות וואָס דער מענטשליכער שכל קען עס נישט באַגרייפען. דאָס אַליין באַשטעטיגט ווידער די איבערנאַטירליכקייט פון אידישען פאָלק, וואָס נישט בלויז איז עס נישט גלייך צו די אַנדערע פעלקער, נאָר דאָס אידישע פאָלק איז אַן אַנדערער מהות, אַן אייגנאַרטיגע געטליכע שאַפונג „עם זו יצרתי לי״, ווי עס איז אויבען אַרויסגעבראַכט געוואָרען.

נאָכ׳ן חורבן זיינען איבערגעבליבען די אַלע רעשטלעך אין די לאַגערן, צעבראָכען פיזיש און גייסטיג און אַנטוישט. זיי האָבען גע־האָפט אַז נאָכ׳ן סוף פון דער מלחמה וועלען זיי געפינען דעם כלל ישראל, דעם איבערבלייב פון יענעם כלל ישראל אין וועלכען זיי זיינען געבוירען און ערצויגען געוואָרען, און וואָס צוליב דעם וואָס זיי זיינען אַ חלק פונעם כלל ישראל האָט מען זיי געפייניגט און פאַר־טיליגט — אָבער געטראָפען האָבען זיי אַ גרופּע „עסקנים" מיט צווייפעלהאַפטע אַספּיראַציעס.

די פירער פון די ציונים האָבען נישט אָפּגעלאָזט מיט זייער „ציען די פעדים" במשך דער צייט פון חורבן און אויך דערנאָך. אין דער צייט וואָס דער כלל ישראל איז געווען געפּלעפּט פון די מורא׳דיגע קלעפּ, אין דער צייט וואָס דער וויטאָג האָט פאַרטעמפּט אַלע חושים — האָבען זיי אויספּלאַנירט אַז אָט די צייט איז פּאַסיג דורכצופירען „די גרויסע אָפּעראַציע", צו טראַנספאָרמירען דעם כלל ישראל אין אַ „נאָרמאַל פאָלק" און מאַכען אַ סוף צום גלות מיט אייגענעם כח, דורך אויפשטעלען אַ מדינה.

„דאָס ציען די פעדים" אין דער צייט פון חורבן און דערנאָך נעמט אַרום פאַרשידענע קאַפּיטלען, וואָס עס וואָלט שטאַרק כדאי געווען צו פאַרעפענטליכען און צו ריידען דעריבער. אַ טייל פון די דאָזיגע פרטים זיינען אַרויסגעשוואומען אויף דער אויבערפלאַך ביים קאַסטנער פּראָצעס — אָבער נישט וועגען דעם ריידען מיר דאָ איצט. פונדעסטוועגען איז כדאי איבערצוגעבען איין „קליינעם" פאַקט וואָס איך האָב געהערט פון אַ באַגלויבטען עדות — הרב מיכאל בער ווייסמאַנדעל ז״ל (דער וועמען אפילו דער פּראָקוראָר פון מדינת ישראל חיים כהן, האָט איהם באַצייכענט אין זיין רעדע אַלס „אותו צדיק", — זעה דאָס בוך „תיק פלילי 124", תל אביב).

הרב מיכאל בער ז״ל האָט מיר דערציילט: די ערשטע ידיעות וועגען דער עקזיסטענץ און פאַרהעלטענישען פון די אויסראָטונגס־לאַגערן אוישוויץ און בירקענאו, האָבען מיר ערהאַלטען דורך צוויי סלאָוואַקישע אידען, וועמען עס איז געלונגען דורך פאַרשידענע אומ־

וועגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון דאָרט און צוריקקערן זיך קיין סלאָ־וואַקיי. זיי האָבן איבערגעגעבן אויספירליכע פּראָטאָקאָלען און עדות ערקלערונגען, באַגלייט מיט מאַפּעס און ציפערן, אין דער אַוועזנהייט פון איינעם פון די נייטראַלע קאָנסולען. דורך מסירת נפש איז געלונגען פאַר הרב ווייסמאַנדעל אַריבערצושיקן בגניבה דעם דאָזיגן דאָקו־מענט צו די פאָרשטייער פון „אידענטום״ (דער דזשאָינט און די סוכנות) אין דער שווייץ. און זיי האָבן טאַקע ערהאַלטען אַן ענטפער נאָך אַ שטיקעל צייט. דער ענטפער האָט זיך געלייענט: „איך האָב איבער־געגעבן דיין בריוו צו חיים׳ען (ווייצמאַן). ער וועט זיך שטאַרק פרייען. דאָס וועט אונז העלפען צו קריגען אַ מדינה״...

אין זיינע זכרונות (וועלכע ווערען איצט געדרוקט) ברענגט הרב ווייסמאַנדעל דעם אָריגינעלען טעקסט פון אַ בריוו פון די צענטראַלע ציוניסטישע אינסטאַנצען אין דער שווייץ, אַלס אַנטוואָרט אויף אַ הילפס־רוף וואָס איז געשיקט געוואָרען צו זיי דורך דער פרוי גיזעלאַ פליישמאַן — אַ ציוניסטישע טוערין, וועלכע איז געווען שטאַרק אַקטיוו אין דער רעטונגס אַרבעט אין די חורבן יאָרען — צוזאַמען מיט הרב ווייסמאַנדעל זצ״ל, וועלכער איז געווען אירס אַ קרוב. דער הילפס־רוף פון פרוי פליישמאַן האָט ערהאַלטען גענויע אָנווייזונגען וויאַזוי צו שיקען הילף א. א. וו. (ווי געזאָגט, קענען מיר דאָ נישט אַריינגיין אין די פּרטים). נאָך אַ לענגערן וואַרטען איז אָנגעקומען דער ענטפער: „אַלע פעלקער האָבן פאַרגאָסען זייער בלוט אין דער מלחמה. מיר ווילען אַ אידישע מדינה, און נאָר דורך בלוט וועלען מיר קריגען דאָס לאַנד״... — („רק בדם תהיה לנו הארץ״)... (די יעניגע וועלכע באַצייכענען די אַלע פאַקטען אַלס אַן „עלילת דם״, זאָלען זיך בעסער באַזאָרגען דאָס ספר פון הרב ווייסמאַנדעל זצ״ל, און זאָלען דורכלייענען די אַלע דאָקומענטען וואָס זיינען דאָרט בייגעלייגט).

ווי געזאָגט, האָבן מיר נישט בכוונה אַריינצוגיין דאָ אין דער גאַנצער פרשה. דער איינצעלנער פאַל אויבען איז געבראַכט געוואָרען בלויז כדי איבערצוגעבען אַ בילד פון דעם ציוניסטישען געדאַנקען גאַנג. — און יענער פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער אַגענטור איז

גערעכט געווען! די שרעקליכע קאַטאַסטראָפע אין אייראָפּע און דער פאַרצווייפעלטער מצב פון די רעשטלעך אין די פליטים לאַגערן נאָך דער מלחמה האָבען געדינט אַלס גוטע קאַרט אין די הענט פון די ציוניסטישע פירער אין זייער „ציען די פעדים" אין די קולואַרען פון דער יו־ען, אין ווייסען הויז אין וואַשינגטאָן און אין די הויפּטשטעט פון די אַנדערע לענדער — ביז די יו־ען האָט באַשלאָסען דעם 29־טען נאָוועמבער 947 צו צעטיילען ארץ ישראל און אויפשטעלען אַ זעלבסט־שטענדיגע אידישע מדינה אין אַ טייל פון ארץ ישראל.

יד.

די מדינה ווערט אַ ווירקליכקייט

קיין וואונדער נישט וואָס אין דער פאַרצווייפעלטער לאַגע אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען די אידען אין די פליטים לאַגערן, ובפרט נאָך דער שטאַרקער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין אַט די לאַגערן, וואָס איז אָפּטמאָל געווען באַגלייט מיט דראָאונגען — האָט די ידיעה וועגען באַשלוס אויפצושטעלען אַ אידישע מדינה אַרויסגערופען אַ כוואַליע פון פרייד און פיל קרייזען. עס פאַרשטייט זיך אויך אַז די טומעלדיגסטע פרייד האָט געהערשט צווישען די וועמען דאָס אויפשטעלען אַ מדינה האָט צו גאַרנישט מחייב געווען — אויסער עטליכע דאָלאַרען (וואָס מען קען אָפּרעכענען פון איינקונפט שטייער) — די אַמעריקאַנער ציוניסטען...

עס איז אמת, אַז צוליב דעם אויפשטעלען די מדינה איז פאַר־לייכטערט געוואָרען די מעגליכקייט פאַר פיל אידען צו פאַרלאָזען די לאַגערן, און טייל האָבען גענאָסען אַ צייטווייליגע פאַרלייכטערונג. אָבער די השקפה פון דער תורה אין באַצוג צו דער מדינה האָט נישט געקענט זיין אַנדערש ווי צום ציוניזם. וואָרים די מדינה איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ דירעקטער רעזולטאַט פון ציוניזם. דער ציוניזם האָט געשטרעבט צו אַ מדינה אַלס „לעזונג פון דער אידען פראַגע" און אַלס טייל פון

„נאָרמאַליזירונגס״ פּראָצעס פון אידישען פאָלק — און דער ציוניזם האָט ענדליך דערגרייכט זיין שטרעבונג.

ווי מיר האָבען געשריבען אין אָנהויב איז דער ציוניזם נישט פון יענע מדינות וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען פון לאַנג אַלס קעניגרייכען און שפּעטער איז דאָרט אויפגעקומען אַזאַ צי אַן אַנדערער רעזשים. מדינת ישראל איז פון יענע מדינות וואָס דער רעזשים מאַכט די מדינה און די מדינה שאַפט דעם רעזשים. מדינת ישראל איז נישט אַ מדינה וואו די ציונים אָדער דער ציוניזם הערשט דאָרט, נאָר מדינת ישראל און ציוניזם זיינען איינס און דאָס זעלבע. ביז דעם טאָג פון ה׳ אייר תש״ח האָט די ציוניסטישע באַוועגונג און די „אידישע אַגענטור״ געהאַט דעם כח פון אַן אָרגאַניזאַציע אָדער פּאַרטיי. פון ה׳ אייר תש״ח און ווייטער האָט די ציוניסטישע באַוועגונג און די סוכנות באַקומען אַ כח פון אַ מדינה. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געפירט דערצו אַז דער ציוניזם האָט באַקומען אומגעהויער פיל מער מאַכט און מעגליכקייטען אָנצואוואַרפען זיין הערשאַפט, אָבער עס האָט גאָרנישט געענדערט זיין מהות.

משל למה הדבר דומה? צו אַ מענטש מיט רויטע האָר וועלכער איז איבער נאַכט געוואָרען רייך. דאָס רייכטום וואָס ער האָט פּלוצים דערגרייכט איז מסוגל צו ענדערן זיין לעבענס שטייגער, עס איז אויך מעגליך אַז צוליב דעם וואָס ער האָט צובאַקומען פיל פאַרמעגען וועט ער זיין מער פאַרזיכטיג, ווי פריער בשעת ער איז געווען אַן אָרימאַן, אָבער ער בלייבט ווייטער דער זעלבער מענטש מיט רויטע האָר, ווייל זיין אידענטיטעט קען זיך נישט ענדערן.

פאַרשטייט זיך אַז די עקזיסטענץ פון דער מדינה האָט מיד זיך געשאַפען אַ נייעם מצב און נייע פּראָבלעמען, און צוזאַמען דערמיט די נויטווענדיגקייט פון נייע רעאַקציע מיטלען. דער וועזענטליכער אונטערשיד צווישען דער ציוניסטישער באַוועגונג און דער מדינה באַשטייט אין דעם, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַן אָרגאַניזאַציע געבויט אויף פּאַרטייען צו וועלכער דער מענטש האָט אַ ברירה יאָ זיך אָנצושליסען אין איר אָדער נישט. אויך דעמאָלט ווען דער

ציוניזם האָט אין דער צייט פון מאַנדאַט באַקומען די אָפיציעלע אנער־קענונג איבער דעם קהלה לעבען דורך דער בריטישער רעגירונג, אַז יעדער אידישער איינוואוינער אין ארץ ישראל וועלכער ווערט אַלט 18 יאָהר ווערט ער אויטאָמאַטיש אַ מיטגליד פון דער קהלה, האָט אָבער דאָך די מאַנדאַט רעגירונג דערנאָך געגעבען דאָס רעכט פאַר יעדען איינעם אַרויסצוטרעטען פון אַט דער אויטאָמאַטישער חברה־שאַפט, דורך אָפּגעבען אַ געוויסע דעקלאַראַציע. אָבער „אַרויסצוטרע־טען" פון דער מדינה איז נישט מעגליך, אָהן צו פאַרלאָזען אירע גרע־ניצען. אַלענפאַלס עס איז נישט אַזאַ לייכטער און פשוט'ער ענין, ווי דער איינטריט אָדער אַרויסטריט פון אַ קהלה אָדער אָרגאַניזאַציע.

די פראַגע: „וואָס זאָל טאָן דאָס חרדישע אידענטום, און הויפּט־זעכליך אין ארץ ישראל, אין אַנגעזיכט פון דעם פאַקט פון דער מדינה?" איז נישט קיין איינפאַכע און לייכטע פראַגע, וואָרים די מדינה איז איצט נישט בלויז אַ טעאָריע נאָר אויך אַ ווירקליכקייט. די מדינה איז צונויפגעשטעלט פון אידען, און כלפי אידען גייט אָן די פליכט פון ערבות און פאַראַנטוואָרטליכקייט, קיין אונטערשיד ווער און וואָס זיי זיינען. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען אַלס מוסטער דעם פאַקט אַז דוקא די קרייזען פון „נטורי קרתא", וואָס זיי באַשולדיגט מען אַממייסטענס אין איזאָלאַציע און אָפּטיילען זיך פון די פרייע, דוקא זיי זיינען על פי רוב די ערשטע מוחה צו זיין קעגען חילול שבת וכדומה, וואָס דאָס איז מען מחוייב נאָר מכח ערבות ווייל „כל ישראל ערבין זה לזה". און גראָד די „מעסיגע" קרייזען, וועלכע פאַראַדירען טאָג און נאַכט מיט דער לאָזונג פון ברודערליכקייט און ערבות צווישען אַלע אידען, דוקא זיי זיינען גלייכגילטיג צו די פאַרשוועכונגען פון תורה און אידישקייט. מיט אַנ־דערע ווערטער: די וואָס ווערען באַשולדיגט אין אָפּטיילען זיך און אין איזאָלירען זיך, וואָס מען וואָלט געקענט אַננעמען אַז עס אַרט זיי נישט נאָר זייער אייגענער קרייז, אָט די זיינען עס די וועלכע אינ־טערעסירען זיך צום מערסטען מיט די מעשים פון זייערע ברידער, — און אויך ווידער פאַרקערט.

מיר האָבען אַרויסגעהויבען דעם פאַקט כדי צו באַווייזען אַז אפילו די וואָס זאָגען עפענטליך אַז זיי טוען אַבסאָלוט נישט אנערקענען די מדינה — אפילו נישט „דע פאַקטאָ" — דוקא די זיינען צום שטאַרקס־טען דורכגעדרונגען מיט דעם געפיל פון ערבות כלפי די איבעריגע איינוואוינער פון דער מדינה.

אויסערדעם געפינט זיך דאָך די מדינה אויפ'ן שטח פון ארץ ישראל און ארץ ישראל בלייבט ארץ ישראל, דער „פלטרין של מלך" אָהן אונטערשיד ווער עס הערשט דאָרט. און דעריבער באַרירט און שטעכט דער חילול הקודש אין הייליגען לאַנד פיל מער ווי אין יעדען אַנדערן אָרט, און דעריבער איז אויך די פליכט פון מוחה זיין גרעסער אין ארץ ישראל.

וואָס און וויאַזוי דאַרף די מחאה זיין, וואָס זיינען די שריט וואָס די חרדישע אידען וועלכע וואוינען אין שטח פון דער מדינה דאַרפען אָננעמען, אין אָנגעזיכט פון דער פאַקטישער ווירקליכקייט — אין דעם זיינען פאַראַן חילוקי דעות. און עס איז נישט קיין וואונדער. „כשם שאין פרצופיהן דומין כך אין דעותיהן שוות". ווי געזאָגט, דער מצב איז שטאַרק קאָמפּליצירט. עס רירט טיילמאָל אָהן אין איידעלע און דעליקאַטע פרטים, און ממילא איז אויך נאַטירליך אַז עס זאָלען זיין פאַרשידענע צוגאַנגען און פאַרשלאַגען וועגען די פּראַקטישע שריט. אָבער אין דער עצם נעגאַטיווער באַציאונג צו דער מדינה זיינען נישט פאַראַן און קענען נישט זיין קיין חילוקי דעות צווישען דעם אידענטום וואָס שטייט אויפ'ן באַזיס פון דער תורה — און נאָר פון דער תורה.

און דאָ איז כדאי זיך אָפּצושטעלען אויף נאָך אַ קאַפּיטל:

טו.

די מדינה אַלס רעאַליטעט

ביז איצט האָבען מיר גערעדט וועגען די ענינים פון אידעאָלאָ־גישען שטאַנדפּונקט, און עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען די מיינונג

אַז די נעגאַטיווע שטעלונג צו דער מדינה נעמט זיך הויפּטזעכליך פון אידעאָלאָגישע סיבות, וואָס דאָס איז די ערשטראַנגיקע סיבה. כאָטש מיר האָבען נישט בכוונה זיך אַריינצולאָזען אין אַ פּאָלעמיק און צו באַרירען די פּאָליטישע ענינים, פונדעסטוועגען וועלען מיר נישט יוצא זיין אונזער חוב אויב מיר וועלען נישט דערמאַנען, לכל הפחות בקיצור, אויך דעם ווירקליכען און רעאַליסטישען צד. וואָרים סוף כל סוף ריידען מיר דאָך וועגען אַ פּאַקטישער ווירקליכקייט, און נישט בלויז וועגען אַ שיטה.

ד״ר יצחק ברייער, פון די אידעאָלאָגען פון אגודת ישראל, האָט אַמאָל פאָרמולירט דעם ציוניזם אַלס אַ „נאַציאָנאַלע היים פאַר עבודה זרה מיט אַ קליין צימערל פאַר הקב״ה״. די דאָזיגע פאָרמולירונג איז פּאַסיג אויך פאַר מדינת ישראל. זינט די מדינה איז געגרינדעט געוואָרען פאַרנעמט זי זיך מיט אַ סיסטעמאַטישער עקירת התורה, נישט אָפּשטעלענדיג זיך פאַר קיין שום מיטלען, אַריינגערעכענט שווינדעל, פאַלשקייט, מיט׳ן כח פון דער פויסט, שאַנטאַזש און אפילו שפיכת דמים אויב עס פאָדערט זיך.

מיר האָבען נישט בדעה אויסצורעכענען דאָ די רשימה פון אַטענטאַטען וואָס זיינען געצילט קעגען דער תורה, ווי למשל: גיוס נשים, דער געזעץ פון אַרבעטס צייט (וואָס גיט די פולמאַכט פאַר׳ן אַרבעטס מיניסטער מתיר צו זיין חילול שבת), און די אַלע אַנדערע זאַכען וואָס ווערען געטאָן אָהן שום צוועק, און בלויז צו להכעיס, ווי למשל די פּרשה פון „מועדון״ אין ירושלים, דער מאָרד פון ר׳ פנחס סעגאַלאָוו, דער געמישטער סווימינג פּול אין ירושלים עיר הקודש, — און דערצו דאָס מעביר זיין על הדת הונדערטער טויזענטער אידען — הויפּטזעכליך קינדער. די אַלע פאַקטען דאַרף מען בלי ספק פאַרצייכענען — און מיט דער הילף פון דאָקומענטען, וואָס זיינען פאַראַן גענוג — אָבער נישט דאָ איז דאָס אָרט דאָס צו טאָן.

אפילו אויף דעם געביט פון עניני גיטין וקידושין, וואָס איז אָפיציעל אונטער דער יוריסדיקציע פון ראַבינאַט, און מיט וועלכען

די מדינה גרויסט זיך און טוט זיך דערמיט שטענדיג אויף, אויך דאָרט איז דאָס פאַרקערטע דער אמת. נישט נאָר האָבען היינט די רבנים אין ארץ ישראל (און דאָ רעדט זיך פון רבנות הראשית וואָס איז אָפיציעל אנערקענט דורך דער רעגירונג) ווייניגער רעכט ווי עס האָבען געהאַט די רבנים אין די מערסטע לענדער פון אייראָפּע ביז צו דער צווייטער וועלט מלחמה, נאָר זיי האָבען נאָך אפילו ווייניגער קאָמפּעטענץ ווי זיי האָבען געהאַט אונטער דעם מאַנדאַט. ערשט נישט לאַנג צוריק האָט פאַרעפענטליכט איינער פון די וויכטיגסטע יוריסטען און דיפּלאָמאַטען אין דער מדינה, ד״ר גויטיין, אַן אַרטיקעל אין וועלכען ער ווייזט אויף אַז די רעכט פאַר די רבנים איז צוגעטיילט געוואָרען אויפ׳ן סמך פון סטאַטוס־קוואָ פון די צייטען פון דער מאַנדאַט רע־גירונג, און אַז די דאָזיגע רעכט ווערען באַשרענקט פון יאָר צו יאָר. זינט יענער אַרטיקעל איז ערשינען, זיינען אַט די רעכט פיל רעדוצירט און איינגעשרומפּען געוואָרען.

און אַז מיר ריידען שוין וועגען דער זאַך, איז כדאי זיך אָפּצו־שטעלען אויף נאָך אַ פּרט, וועלכער באַווייזט אַז די מדינה איז דער טרייער אויסגאַנג פון נאַציאָנאַליזם: די עקזיסטענץ פון אַ „מיניסטעריום פאַר רעליגיעס״. מיט׳ן גרינדען דעם דאָזיגען מיניסטעריום איז גע־קומען קלאָר און בולט צום אויסדרוק דער פאַקט אַז דער ציוניזם — און גלייכצייטיג אויך די מדינה — באַטראַכט דעם אידישען דת אַלס „איין רעליגיע צווישען פילע אַנדערע״. אַט דער פאַקט האָט איי־גענטליך געדאַרפט עפענען די אויגען פון פיל קורצזיכטיגע. ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן. פאַרקערט, מיט שמערצליכער איראָניע קען מען פעסטשטעלען, אַז פילע ווייזען גאָר אָן אויף דעם „משרד הדתות״ אַלס באַווייז אויף דעם „רעליגיעזען״ כאַראַקטער פון דער מדינה...

מען דאַרף אונטערשטרייכען דעם פאַקט, וואָס אין דער צייט וואָס לגבי די „אַנדערע רעליגיעס״ דינט דער „משרד הדתות״ בלויז אַלס אַדמיניסטראַטיווער אַמט, ענליך צו די רעגירונגס אַמטען אין אַנדערע לענדער, אָבער אין באַצוג צו דער אידישער רעליגיע ערלויבט זיך דער „משרד הדתות״ צו מעשים פון הפקרות און וואולגאַריטעט ממש,

למשל: פאַרפאַסען תפלות, באַשטימען רעליגיעזע צערעמאָניעס, פאַר־שידענע רעפאָרמען ווען צו זאָגען הלל און ווען סליחות...

די „הויפּט־קוואַרטיר" וואָס דער מיניסטעריום פאַר רעליגיעס האָט אויפגעשטעלט אויפ׳ן הר ציון, איז טאַקע געוואָרען אַ צוציאונגס פּלאַץ פאַר אַמעריקאַנער נאַאיווע טוריסטען אָדער פאַר עטליכע תמי־מות׳דיגע תימנ׳ער אידען, אָבער שליסליך איז דערפון געוואָרען אַ פאַרס און לעכערליכקייט אין אַלע קרייזן, אָן אונטערשיד פון אָנשויאונג.

דער איינציגער „רעליגיעזער צימער" אין דעם גרויסען בנין פון עבודה זרה שטרייכט נאָך מער אונטער דעם אמת׳ן כאַראַקטער פון דעם הויז...

ווי געזאָגט האַלטען מיר נישט איצט ביים אויסרעכענען די אַלע ערשיינונגען און שילדערן דעם מצב פון דת אין ארץ ישראל. קיינער צווייפעלט נישט דערין אַז אידישקייט היינט צו טאָג אין ארץ ישראל איז בשפל המצב, און אַז דאָס אַלעס ווערט געטאָן פּלאַנמעסיג. די פראַגע שטייט פאַר אונז: וויאַזוי דאַרפען מיר זען און פאַרשטיין אָט די ערשיינונג.

עס איז אַ טעות צו מיינען אַז דער פּראָבלעם נעמט זיך דערפון וואָס אין לאַנד געפינט זיך אַ מערהייט פון „פרייע", און אויב עס וואָלט געווען אַ רוב פון רעליגיעזע וואָלט דער מצב אַנדערש געווען. קודם כל דאַרף מען אָפּפרעגען די דאָזיגע הנחה פון דער פּראַקטיק. אין קעגענטייל ווי פיל מיינען, געפינט זיך אויך היינט אַן איבער־וויגענדע מערהייט פון רעליגיעזע אין לאַנד. דער חשבון איז איינפאַך לויט דער סטאַטיסטיק: ביים סוף פון מאַנדאַט איז געווען אין ארץ ישראל אַרום אַ האַלבער מיליאָן אידען, צווישען זיי אַ גרויסער פּראָצענט רעליגיעזע. היינט באַשטייט די מדינה פון נאָענט צו צוויי מיליאָן אידען. זיינען הייסט עס צוגעקומען כמעט אַ מיליאָן מיט אַ האַלב עולים. פון וואַנען זיינען געקומען די דאָזיגע עולים? די ערשטע עולים זיינען טאַקע געקומען פון די „די־פּי" לאַגערן אין אייראָפּע און פון אַנדערע מזרח אייראָפּעאישע לענדער, צווישען זיי איז אויך געווען אַ גרויסער פּראָצענט שומרי תורה ומצוות. אָבער די גאַנצע „עליה" פון אייראָפּע

האָט נישט אויסגעמאַכט קיין האַלבען מיליאָן, אפילו ווען מיר זאָלען צורעכענען די נייע עליה פון רומעניען. די אַלע אַנדערע זיינען געקומען פון די מזרח לענדער, און זיי זיינען אַלע שומרי תורה ומצוות, מער אָדער ווינציגער. מיר זעען אַלזאָ אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ מערהייט פון רעליגיעזע אין לאַנד. און אויב דאָס זעט זיך נישט אָן אין דער הערשאַפט, זיינען דערצו פאַראַן אַנדערע אורזאַכען, אורזאַכען פון רעזשים, פאָליטיק וכדומה, וואָס מיר גייען נישט אַריין דערין.

פאַרשטייט זיך אַז דער פאַקט וואָס די הערשאַפט געפינט זיך אין זייערע הענט, דאָס גיט נאָך צו מער שאַרפקייט און טיילמאָל ברוטאַליטעט צו דעם פּראָבלעם, אָבער נישט דאָס טוט דעצידירען אין באַשטימען די באַציאונגען צו דער מדינה.

וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען פריער אין באַצוג צום ציוניזם, איז נאָך פיל מער חל אין באַצוג צו דער מדינה. אויך ביי דער מדינה, נישט דערפאַר וואָס דער רעזשים געפינט זיך אין די הענט פון נישט־רעליגיעזע דערפאַר איז די מדינה קעגן דער תורה. פאַרקערט: ווייל די מדינה אַלס אַ מדינה איז קעגען דער תורה, ממילא איז פאַרשטענדליך אַז בלויז נישט־רעליגיעזע האָבען געקענט זיין אירע גרינדער און פירער; און די „רעליגיעזע" זיינען בלויז נאָכשלעפּערס (ווי עס וועט נאָך אויסקומען אַרויסצוברענגען אין קאַפּיטל וועגען „רעליגיעזען ציוניזם").

די עצם עקזיסטענץ פון אַ מדינה מיט אַ פּאַרלאַמענט וואָס זאָל קענען אַנטשיידען איבער ענינים פון תורה ומצוות דורך אַן אָפּשטימונג פון אַ מאַיאָריטעט איז אין קאָנטראַסט צו דער תורה, אפילו ווען דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג זאָל זיין „לטובת" דער תורה!

אין אַנדערע ווערטער: די טענה וואָס מען וואַרפט פאָר „פאַרוואָס האָבען די ערליכע אידען נישט געגרינדעט די מדינה" איז אַבסאָלוט פאַלש און איז קיין טענה נישט, ווארים — אויף וויפיל דאָס זאָל נישט זיין פּאָפּולער היינט אַרויסצוזאָגען — דער פאַקט איז (פּונקט ווי מיר האָבען געזאָגט אויבען וועגען ציוניזם), ווען די ערליכע אידען וואָלטען געהאַט די דעצידירענדע דעה וואָלטען זיי קיינמאָל נישט געגרינדעט

די מדינה! עס איז אַ פאַקט — און אויך דאָס זוכט מען היינט צו פאַרדעקען און מען שעמט זיך דערמיט — אַז די גדולי ישראל פון אַלע לענדער האָבן זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דאָס גרינדען אַ מדינה. ווי מיר האָבן שוין אויבען דערמאנט איז אָנגענומען געוואָרען אַזאַ החלטה ביי דער קאָנפערענץ פון אגודת ישראל אין שנת תרצ״ז — כאָטש די אגודת ישראל האָט דעמאָלט נישט געבילדעט דעם „עקסטרעמסטען״ פליגעל קעגען ציוניזם — און אוודאי זיינען געווען קעגען אויפשטעלען אַ מדינה די גדולי ישראל וואָס זיינען געשטאַנען „רעכטס״ פון אגודת ישראל...

וואָרים די מדינה איז נישט מער ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון ציוניזם און אַ נאַטירליכער פּראָדוקט פון אים. די מדינה האָט נישט געקענט וואַקסען אויף קיין אַנדערן באָדען ווי דער ציוניזם. די מדינה איז אַ רינגעלע וואָס פּאַסט זיך אַריין אין דער קייט פון „נאָרמאַליזאַציע״ פּראָצעס, אָדער פון דער „טראַנספאָרמאַציע״ פון כלל ישראל פון אַן „עם זו יצרתי לי״ צו אַ „גוי ככל הגוים״... דער ציוניזם איז דער „אידישער נאַציאָנאַליזם״ וואָס באַטראַכט דאָס אידישע פאָלק ווי אַ נאַציאָנאַלע איינהייט לויט די גוי׳אישע באַגריפען, און וועלכער זעט דעם גלות אַלס אַ פּראָדוקט פון „היסטאָרישע אַנטוויקלונגען״, און די מדינה אַלס „לעזונג פון דער אידען־פראַגע״.

און פונקט ווי עס איז פאַלש, און נאָך מער ווי פאַלש — פון אידישען שטאַנדפונקט — צו באַטראַכטען דעם כלל ישראל אַלס „גוי ככל הגוים״; ארץ ישראל אַלס „נאַציאָנאַלע היים״ פון דאָזיגען פאָלק; לשון הקודש אַלס „נאַציאָנאַלע שפּראַך״ — אַזוי אויך, און נאָך מער איז פאַלש אָנצונעמען די מדינה אַלס „גאולה״ אָדער — לויט דער פּשרה פון אַ טייל — אַלס „אתחלתא דגאולה״...

מיט אַנדערע ווערטער: די מדינה איז נישט מער ווי אַ רינגעלע אין דער קייט פון „טראַנספאָרמאַציע״ פון געטליכער קדושה צו גוי־אישער וואָכעדיגקייט און צו זייערע באַגריפען.

עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס נישט יעדער באַגרייפט די דאָזיגע אונטערשיידען, וועלכע זיינען אייגענטליך בלויז גייסטיגע,

און עס איז אויך קיין וואונדער נישט וואָס אפילו צווישען די קרייזען פון שומרי תורה ומצוות הערשט אַ שרעקליכער בלבול המוחות.

צום קרעדיט פון די די גרינדער און פירער פון דער מדינה דאַרף געזאָגט ווערען אַז זיי האָבען קיינמאָל נישט אויסבאַהאַלטען זייער כוונה. בן גוריון פרעדיגט שטענדיג אין זיינע רעדעס וועגען דער שטרעבונג אויפצושטעלען אַ „ניי פאָלק״, און אַז דער „צבא ההגנה לישראל״ דאַרף דינען אַלס „שמעלץ־טאָפּ״ פאַר דעם דאָזיגען „נייעם פאָלק״.

דער שרייבער פון אָט די שורות האָט נאָך מיט צען יאָר צוריק אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז אין דעם זין דאַרף מען אויך זען די הויפּט כוונה פון די ציוניסטישע מנהיגים אין זייער פאַרזוך אַריינצו־ברענגען אין לאַנד די קראים, שומרונים, שבתאים, און פאַרשידענע סעקטעס וואָס ווערען נישט פאַררעכענט אַלס אידען על פי הלכה, און אויך דאָס דערמוטיגען די רעפאָרמיסטישע טעטיגקייטען אין לאַנד, אַ זאַך וואָס האָט אייגענטליך נישט קיין שום אָביעקטיווען באַדאַרף, און מען האָט נישט געהערט דערפאַר קיין שום פאָדערונג פון קיין שום צד פון דער באַפעלקערונג.

דער שטרייט וואָס איז לעצטענס אַנטשטאַנען אַרום דער פראַגע „ווער איז אַ איד״ קען אַנווייזען אפילו פאַר די וואָס זיינען געשלאָגען מיט בלינדקייט, אויף דער פאַקטישער שטרעבונג אין גרינדען די מדינה: „צו טראַנספאָרמירען דאָס געשטאַלט פון אידישען פאָלק״. ווייל לויט דער ציוניסטישער אויפפאַסונג וואָס באַטראַכט דאָס אידישע פאָלק ווי אַ „גוי ככל הגוים״ איז די שטעלונג פון די רעגירונגס קרייזען אין דער פראַגע באַרעכטיגט הונדערט פראָצענט. אַזאַ צוגאַנג — לויט דער אויפפאַסונג פון די גוים — באַטראַכט דעם „נאַציאָנאַליזם״ אַלס זעלבסטשטענדיגען און וויכטיגערן פאַקטאָר פון „רעליגיע״, טאָ פאַרוואָס זאָלען זיי זיך רעכענען מיט די באַגרעניצונגען וואָס „רעליגיע״ שטערט אין באַשטימען די „נאַציאָנאַלע״ אידענטיטעט. האָבען מיר דען נישט געזען למשל, ווי איינער פון די גרויסע דייטשע שרייבערס איז געוועזן אַ פראַנצויז מיט׳ן נאָמען שאַמיסאָ? היינט גלויבט דאָך נישט די וועלט

אין „ראַסען טעאָריע". און די נאַציאָנאַלע צוגעהעריגקייט איז בלויז אַ קולטורעלע אידענטיטעט. טאָ פאַרוואָס זאָל נישט קענען אַ זון פון אַ קאַטוילישער פרוי זיין אַ גוטער „ישראלי" אָדער אפילו אַ גוטער „איד" כאָטש ער באַלאַנגט צו דער קאַטוילישער קירכע?

נישט וועלענדיג אַריינגיין אין פאַרטייאיש־פאָליטישער פאָלעמיק אַרום דער פראַגע, קען מען אָלענפאַלס זאָגען אַז דער וויכוח אַרום דער פראַגע „ווער איז אַ איד" און דאָס עצם שטעלען אַזאַ פראַגע, סימבאָליזירט און אונטערשטרייכט דעם אמת'ען מהות פון דער מדינה אַלס אויספיר אָרגאַן פון ציוניזם.

אין ליכט פון דעם קענען מיר פאַרשטיין וויאַזוי עס האָט געקענט אַנטשטיין אַ קרייז וואָס מען רופט אים „כנעניים" און אין אַנדערע נעמען. „העברים הצעירים", „האיחוד השמי", „אנשי א'" — און די אַלע אַנדערע נעמען מיט וועלכע דער קרייז רופט זיך — זיינען קיינמאָל נישט געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון פיל מיטגלידער און פאָליטישען איינפלוס. אָבער פון אידעאָלאָגישען שטאַנדפונקט, איז די דאָזיגע שטרעבונג אַנגענומען ביי דער מערהייט פון דער אינטעליגענץ פון די „סאַברעס", סיי זיי גיבען עס צו און סיי נישט. דער תמצית פון זייער אידעאָלאָגיע איז: דער אידישער ישוב אין לאַנד בילדעט אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע איינהייט, וואָס אירע פאַרבינדונגען מיט דעם וועלט אידענטום זיינען בלויז אויפ'ן קולטורעלען געביט. די דאָזיגע נאַציאָנאַלע איינהייט דאַרף שטרעבען זיך איינצוגלידערן צווישען די סעמיטישע פעלקער. אין אַנדערע ווערטער: זיי פרעדיגען אָפּצורייסען זיך פון כלל ישראל.

אָט די יונגוואַרג זיינען גלייך צו יענעם קינד פון דער באַרימטער דערציילונג וועלכער רופט אויס „דער מלך איז נאַקעט"! זייער אידעאָלאָגיע איז פאַקטיש בלויז אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. היות זיי זיינען שוין אונטערגעוואַקסען אין אַ „פרייער" אַטמאָספערע זיינען זיי מער אָפענהאַרציג און זיי זיינען מודה אין איין פרינציפּ אין וועלכען די „אָפיציעלע" ציוניסטען ווילען נישט מודה זיין, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין אידישקייט אָן תורה,

— און ווייל זיי זיינען אויפגעוואַקסען און ערצויגען געוואָרען מיט אַ נעגאַטיווער באַציאונג צו תורה, איז דעריבער נאַטירליך זייער טענה, אַז אויב אַזוי ווילען זיי אויך אַראָפּוואַרפען דעם עול פון זיין אַ איד.

אין גרונט גענומען ציט זיך אַ גראַדע ליניע פון די ערשטע ציוניסטען, בערדיטשעווסקי, ברענער (זעה אויבען) ביז צו די „כנענים" — „די גאָלדענע יוגענט" פון דער געגענווערטיגער מדינה.

טז.

מדינה און ציוניזם זיינען איינס און דאָס זעלבע

עס איז קלאָר אַז פון אידעאָלאָגישען שטאַנדפּונקט קען נישט זיין קיין חילוק אין דער שטעלונג פון תורה אידענטום כלפי דער מדינה אָדער כלפי דעם ציוניזם. אויב ס'איז יאָ פאַראַן אַ חילוק, באַשטייט ער אין דעם וואָס כלפי דער מדינה איז די שטעלונג נאָך אַ מער נעגאַטיווע ווי צום ציוניזם, ווייל די מדינה איז אַ פאַקט, בשעת דער ציוניזם איז הויפּטזעכליך אַן אידעע.

עס איז אויך קלאָר אַז אין די אַלע ערשיינונגען פון עקירת און רדיפת הדת דאַרף מען נישט זען קיין אורזאַך נאָר אַ רעזולטאַט וואָס איז באַזירט אויף דעם עצם מהות פון דער מדינה.

ווען אַ מענטש וויל אָנטאָן אַ מלבוש וואָס איז נישט זיין, וועט זיך דאָס מלבוש צערייסען אומעטום, ביי די פּלייצעס, ביי די אַרבל, פון פאָרנט און פון הינטען. דאָס מיינט נישט אַז דער שניידער האָט געמאַכט אַ טעות אין דער מאָס פון בגד, דאָס מיינט נאָר אַז דער בגד איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אָט דעם מענטש. דאָס מלבוש איז אים פרעמד און נישט פּאַסיג. — אַזוי אויך די קאָנצעפּציע פון „גוי ככל הגוים" איז אַבסאָלוט פרעמד דעם אידישען פאָלק. ווען מען טוט אים אָן דעם דאָזיגען מלבוש מיט געוואַלט, איז קיין וואונדער נישט וואָס ער מוז זיך רייסען אין יעדען קער און ווענד. אַמאָל איז דאָס

ביים ענין פון גיוס נשים, אַמאָל ביי העברה על הדת פון ערליכע אידישע קינדער וכדומה.

הרב מיכאל בער וויסמאַנדעל ז״ל (וועלכער ווערט שוין אויבען דערמאנט) האָט ריכטיג פאָרמולירט דעם דאָזיגען מצב אין אַ שמועס מיט איינעם פון די ציוניסטישע פירער. דער שמועס איז געפירט געוואָרען אין דער דייטשער שפּראַך, און הרב וויסמאַנדעל האָט געזאָגט צו זיין מיטשמועסער, אַביסעל אין אַ סאַרקאַסטישען טאָן, ווי זיין שטייגער איז געוועזן: „איר האָט איינגעטוישט אַ וועלט־רעליגיע פאַר אַ פּאַראַגוואַי״... אָבער די תורה לאָזט זיך נישט איינשליסען אין אַ ראַם פון „פּאַראַגוואַי״ — און אין דעם ליגט דער שורש פון די שטענדיגע אויסברוכען.

נישט „די פרייע מערהייט״ און אויך נישט דער אָדער יענער יחיד וואָס רעגירט איז פערזענליך — אָדער פּאַרטייאיש — פאַראַנטוואָרטליך אין אָט די אויסברוכען. זיי קענען זיין שולדיג בלויז אין דער שאַרפער פאָרם וואָס די אויסברוכען נעמען אָן — און מיר ווילען נישט מינערן זייער שולד אין דעם. אָבער די הויפּט שולד ליגט נישט אויף קיין שום פערזאָן אינדיווידועל. דער שורש שטעקט אין דעם וואָס די תורה און ציוניזם, אָדער תורה און מדינת ישראל זיינען אין אַבסאָלוטען און פולשטענדיגען קאָנטראַסט איינס צום צווייטען, ממש מן ההיפך אל ההיפוך.

יז.

מיינונגס פאַרשידענהייטען

און ווייל דאָס איז אַזוי איז אויך קלאָר אַז די שטעלונג צו דער מדינה קען זיין בלויז אַ נעגאַטיווע. נאָר, ווי מיר האָבען שוין אויבען אָנגעוויזען, איז שווער צו געפינען אַ לייזונג וויאַזוי צו ברענגען צום אויסדרוק אָט די נעגאַטיווע שטעלונג אין דער פּראַקטיק, און פון דאַנען נעמען זיך די חילוקי דיעות.

מיר האָבען נישט בדעה דאָ אַריינצוגיין אין די חילוקי דיעות, און אוודאי נישט צו נעמען אַ שטעלונג צו זיי. אָבער דאָס בילד וואָלט נישט געווען פולקאָם ווען מיר זאָלען נישט אָנצייכענען עטליכע הויפּט ריכטונגען וואָס האָבען זיך אַרויסגעשיילט אין משך פון יאָרען אין לאַגער פון חרדישען אידענטום.

אָבער איידער מיר טרעטען צו צו שילדערן די עקזיסטירענדע ריכטונגען, איז אויך כדאי זיך אָפּצושטעלען פאַר אַ ווילע אויף אַ זאַך וואָס עקזיסטירט נישט: מען וואָלט אייגענטליך געקענט אָננעמען אַז דער אַנטי־רעליגיעזער איינשטעל פון דער מדינה און די ברוטאַלע אויסברוכען וואָס קומען דאָרט פאָר פון צייט צו צייט, זאָלען פירען דערצו אַז די חרדישע אידען זאָלען אָנפירען פּראָפּאַגאַנדע צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד אין מאַסען. איז אינטערעסאַנט אָנצואווייזען אַז אַזאַ גע־דאַנק עקזיסטירט נישט. הגם עס גייט אָן אַ גרויסע באַוועגונג פון פאַר־לאָזען די מדינה, און צווישען די עמיגראַנטען איז אויך פאַראַן אַ גע־וויסער פּראָצענט פון שומרי תורה ומצוות — אַ כמעט נישט־אָנזעעוו־דיגער פּראָצענט — אָבער צווישען זיי זיינען פאַראַן גאָר ווייניג פון די וואָס געהערן צו די „עקסטרעמע" קרייזען, און די מערהייט פון אָט דעם מיעוט באַגרינדען אויך נישט זייער אויסוואַנדערונג פון דאָרט צוליב גייסטיגע סיבות, נאָר על פי רוב צוליב מאַטעריעלע, פאַמיליען און פּערזענליכע סיבות וכדומה. (דער שרייבער פון די שורות האָט דירעקטע אינפאָרמאַציעס וועגען די ענינים, דורך זיין אַרבעט פון איבערזעצען דאָקומענטען). יעדענפאַלס עקזיסטירט נישט קיין פּראָ־פּאַגאַנדע צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד. די דאָזיגע ערשיינונג איז גענוג וויכטיג און דעריבער האָט מען עס געדאַרפט דערמאַנען. די סיבה דערפון שטעקט בלי ספק אין דער נאַטירליכער ליבשאַפט צו ארץ ישראל, טראָץ דער קעגנערשאַפט צו דער מדינה.

איידער מיר טרעטען צו באַהאַנדלען די עקזיסטירענדע ריכטונגען, דאַרפען מיר מקדים זיין אַ שטיקעל הקדמה וואָס איז אויך אַקטועל פאַר די אַנדערע וויטערדיגע קאַפּיטלען: אין דער תורה איז פאַראַן

אַ כלל גדול, אָדער ריכטיגער, צוויי כללים וואָס זיינען איינס: עס רעדט זיך נישט פון קיין טפשים, און נישט פון קיין להכעיס׳ניקעס (ברשיעי לא עסקינן, ובשופטני לא עסקינן). מיר ריידען דאָ נישט פון די וואָס זייערע רייד און פּראָקלאַמאַציעס זיינען געבויט אויף חשבונות פון פּריוואַטע קליקעס, פּאַרטייאישע אָדער פּאָליטישע, און וואָס זייערע אייגענגוציגע אינטערעסען דאָמינירען זייערע רייד, היינט אַזוי און מאָרגען פּאַרקערט, נישט וויכטיג אין דעם מאָמענט צי זייער כח איז אַ שטאַרקער אָדער נישט. פּונקט אַזוי ריידען מיר אויך נישט דאָ פון די וואָס זיינען אינטעלעקטועל נישט דערוואַקסען, וועלכע באַנוצען זיך בלויז מיט באָמבאַסטישע פראַזען. מיר ריידען דאָ בלויז פון ערנסטע ריכטונגען, אין וועלכע עס קלאַמערן זיך מענטשען מיט אַ געפיל פון אחריות און אינטעלעקטועל דערוואַקסענע.

צווישען אַט די קען מען באַמערקען צוויי פאַרשידענע צוגאַנגען, מיט קליינע דיפערענצען אין דעם אָדער יענעם פּרט. עס איז פאַראַן אַ ריכטונג וואָס פאָדערט אַז די חרדישע אידען זאָלען זיך פולשטענדיג אָפּזונדערן פון יעדער זאַך וואָס איז פאַרבונדען מיט דער מדינה דירעקט אָדער אומדירעקט, איינשליסענדיג אפילו (לכל הפחות על פי הלכה) דאָס באַנוצען זיך מיט די וויטאַלע דינסטען פון דער מדינה, ווי למשל: פּאָסט, וואַלוטע, לעבענסמיטעל קאַרטען וכדומה. אַט די ריכטונג פאָדערט ממילא אויך דאָס נישט באַטייליגען זיך אין די וואַהלען צו דער „כנסת" און אפילו צו די שטאָט־פאַרוואַלטונגען.

פון ריין טעאָרעטישען שטאַנדפּונקט איז אַט די שטעלונג פיל באַרעכטיגט, נאָר אין דער פּראַקטיק איז פאַר׳ן רוב שווער דאָס איינ־צוהאַלטען. עס איז דעריבער פאַראַן אַ צווייטע שטעלונג, וואָס עס האָט פאָרמולירט ד״ר ברייער, דאַן ווען די מדינה איז נאָך געווען אין סטאַדיום פון אַ פּלאַן: „יעדע אנערקענונג וואָס מיר קענען געבען פאַר אַזאַ מדינה קען זיין בלויז אַן אנערקענונג „דע פאַקטאָ" אָבער קיינמאָל נישט „דע יורע". דאָס אָפּזונדערן זיך פון יעדער מדינה־דינסט — זאָגט די אַנדערע ריכטונג — איז בבחינת „גזירה שאין

רוב הציבור יכולין לעמוד בה", וואָרים כמעט אַלע איינוואוינער מוזען ממילא אָנקומען צו די אַלע זאַכען, צאָלען שטייער, שטעלען זיך צו מיליטערישער דינסט (אפילו די בני ישיבות) וכדומה, ממילא איז — לויט זיי — נישט אַזאַ גרויס אומגליק אויב מען וועט זיך אויך באַנוצען מיט דער רעכט פון באַטייליגען זיך אין די וואַהלען און אויסוויילען פאָרשטייער צו די רעגירונגס אינסטאַנצען, וועלכע זאָלען פאַרטיידיגען די תורה אינטערעסען ווי נאָר עס לאָזט זיך, און זאָלען לאָזען הערען זייער פּראָטעסט פון דער „כנסת" טריבונע. פאַרשטייט זיך מיט אַ תנאי, אַז זיי זאָלען נישט טאָן קיין שום זאַך וואָס זאָל זיי מאַכען פאַר מיטפאַראַנטוואָרטליך צום אַלגעמיינעם רעזשים פון דער מדינה (דאָס מיינט דורך באַטייליגען זיך אין דער רעגירונגס קאָאַליציע). — אַ באַזונדערע פראַגע איז, צי זיינען שוין בכלל געווען אין משך פון אַלע פריערדיגע וואַהלען, אַזעלכע פאָרשטייער אין דער „כנסת", וואָס האָבען געזאָלט אַנטשפּרעכען די דערמאַנטע קוואַליפיקאַציעס...

אָבער אויך אַט די „דע פאַקטאָ" אנערקענונג מינערט גאָרנישט פון דער אַבסאָלוטער נישט אנערקענונג „דע יורע". סיי די אַנהענגער פון דער ערשטער ריכטונג און סיי פון דער צווייטער האָבען אַן אַבסאָלוט נעגאַטיווע שטעלונג אין באַצוג צו דער מדינה. די חילוקי דיעות זיינען נאָר אויפ'ן געביט פון די פּראַקטישע שריט.

כאָטש די זאַכען זיינען גענוג קלאָר, האָט אָבער די ווירקליכקייט באַוויזען אַז עס הערשט אַ גרויסער בלבול און טשטוש המוחות אויף דעם געביט. דעריבער וועט נישט זיין איבערפליסיג צו אילוסטרירען די פשוט'ע זאַכען מיט דער הילף פון אַ משל, גענומען פונעם לעבען אין ארץ ישראל.

אַלע רעליגיעזע קרייזען אין ארץ ישראל האַלטען אַז אַ נישט־רעליגיעזער חינוך איז פסול. לאָמיר אָננעמען אַז אין איינעם אַ טאָג וועט קומען אַ יונגערמאַן צו אַ רב מיט דער פאָלגענדער שאלה: מען שלאָגט אים פאָר אַ שטעלע אין אַ פרייער אַרבעטער שולע. דער יונגערמאַן אַליין איז אַ שומר תורה ומצוות. אויב ער וועט אָנ־נעמען די שטעלע וועט ער קענען אויפטאָן צו ראַטעווען גייסטיג

זיינע שילערס. והא ראיה: אַנדערע האָבען אַזוי געטאָן און עס איז זיי געלונגען. פון דער אַנדערער זייט ווידער: דער יונגערמאַן אַליין ווערט געשטעלט אין אַ נסיון זייענדיג טאָג טעגליך אין אַ סביבה פון נישט־רעליגיעזע, און דערצו וועט זיין אויפהאַלטען זיך דאָרט דינען אַלס „הכשר" פאַר דער שולע אין די אויגען פון די איינוואוינער, און אויך אַזעלכע עלטערן וואָס וואָלטען אין אַנדערע אומשטענדען געשיקט זייערע קינדער אין אַ מער רעליגיעזען חינוך אַנשטאַלט, וועלען אַזוי אַרום שיקען זייערע קינדער אין אָט דער שולע. טאָ וואָס זאָל טאָן דער יונגערמאַן?

אין אַזאַ פאַל וועט דער ענטפער פון רב, פאַרשטייט זיך, זיין אָפּהענגיק פון די ספּעציפישע אומשטענדען: ווער איז דער יונגערמאַן, וואו געפינט זיך די שולע, אין דער שטאָט אָדער אין אַ ווייטען מושב פון עולים, וואָס זיינען די קאָמפּעטענצען פונעם לערער וכדומה. נאָכ'ן באַקענען זיך מיט די פּרטים קען זיין אַז אין געוויסע באַדינ־גונגען זאָל דעם רב'ס ענטפער זיין „יאָ", און פאַרשטענדליך, אַז עס קען זיין אַז אַנדערע רבנים זאָלען ביי די זעלבע באַדינגונגען זיין דאַקעגען. אָבער אויף קיין פאַל קען נישט ווערען אויסגעטייטשט דער היתר פון ערשטען רב אין דעם ספּעציפישען פאַל אַלס הסכמה פאַר דעם נישט־רעליגיעזען חינוך אָדער נישט־רעליגיעזער שולע, און אפילו נישט אַלס פּשרה פאַר יענעם חינוך. וואָרים נישט צוליב דעם וואָס דער רב האַלט אַז דער חינוך אָדער שולע איז ווייניגער פּסול ווי עס האַלטען די אַנדערע רבנים — דערפאַר האָט ער גע'פּסק'ענט אַזוי ווי ער האָט גע'פּסק'ענט, נאָר דערפאַר ווייל ער האַלט אַז די באַדינגונגען פאַרפליכטען אָדער ערלויבען לויט זיין מיינונג אַן אַנדערע שטעלונג ווי עס האַלטען די אַנדערע רבנים. דאָס מיינט אַז עס איז נישט פאַראַן קיין חילוקי דעות אין זייער שטעלונג אָדער השקפה, די חילוקי דיעות זיינען נאָר אין די פּראַקטישע שריט וואָס דאַרפען אָנגעווענדעט ווערען.

ביי דער געלעגענהייט איז כדאי זיך אָפּצושטעלען פאַר אַ ווילע אויף דער לאָזונג וואָס ווערט געהערט דאָ און דאָרט אין די

פאַרשידענע רעליגיעזע קרייזן: „מיר זיינען קעגען דער רעגירונג, אָבער פאַר דער מדינה". אָט די לאָזונג איז נישט קיין לאָזונג פון תורה אידענטום, און זי באַלאַנגט נישט צו איינער פון די צוויי דער־מאנטע ריכטונגען. די לאָזונג באַלאַנגט אָדער צום „רעליגיעזן ציוניזם" (וועגן וועלכען עס וועט זיךריידען אין נעקסטען קאַפּיטל), אָדער צו יענע צוויי קאַטעגאָריעס וואָס מיר האָבען באַמערקט וועגען זיי אַז „עס רעדט זיך נישט וועגען אַזעלכע". לויט דער השקפה פון דער תורה איז פונקט פאַרקערט: די באַציאונג צו דער מדינה מוז זיין אַן אַבסאָלוט נעגאַטיווע, אָבער די באַציאונג צו דער רעגירונג איז אַנדערש. כאָטש מען קען זיך נישט באַציען צו דער מדינה פּאָ־זיטיוו אָבער דאָך איז די רעגירונג אַ פאַקט און מיט איר „דאַרף מען דורכקומען" — ווילענדיג אָדער נישט ווילענדיג. קעגען איר דאַרף מען אָפטמאָל קעמפען, אָבער טיילמאָל דאַרף מען פירען אונטער־האַנדלונגען מיט דער רעגירונג, אָדער מיט דעם און יענעם באַאַמטען, און אַמאָל קען מען אויך דערגרייכען אין דער פּראַקטיק געוויסע קאָנצעסיעס. אָבער די שטעלונג צו דער מדינה קען נישט זיין נאָר אַן אַבסאָלוט נעגאַטיווע.

מען קען אויך פאָרמולירען די חילוקי דיעות צווישען די צוויי דערמאַנטע ריכטונגען מיט דער פאָלגענדער פראַזע: די חילוקי דיעות זיינען בלויז אין באַצוג צו דער רעגירונג, אָבערביידע זיינען איינִיג אין זייער אַבסאָלוט קעגנערישער שטעלונג צו דער מדינה.

יח.

„רעליגיעזער ציוניזם"

אין ליכט פון דעם אויבען געזאָגטען וועלען זיך אוודאי געפינען מענטשען וואָס וועלען פרעגען: וויאַזוי קען מען באַטראַכטען דעם ציוניזם און די מדינה אַלס נגד התורה בתכלית הניגוד, אין דער צייט וואָס עס עקזיסטירט אַ „רעליגיעזער ציוניזם", און עס זיינען פאַראַן

אידען יראים ושלמים און מדקדקים במצוות וועלכע האָבען שלום געמאַכט מיט דער מדינה, און אפילו אַזעלכע וואָס זעען אין דער מדינה אַן „אתחלתא דגאולה״ ?

דאָ זיינען מיר צוגעקומען צו די אַממייסטענס קאָמפּליצירסטע און פאַרוויקעלטע קאַפּיטלען אין דער גאַנצער פּרשה, וואָס עס איז שווער צו באַהאַנדלען אין דער דאָזיגער ראַם, וואָרים די גרענעץ ליניע צווישען פּאָלעמיק — פון וואָס מיר ווילען זיך דאָ שטאַרק אויסהיטען — און אידעאָלאָגישער קלאָרקייט איז זייער אַ דינע. נאָך שווערער איז אַריינצולאָזען זיך אין דעם אין אַזאַ אַטמאָספערע וואָס הערשט היינט צו טאָג אין דער אידישער גאַס. אָבער עס איז אויך נישט מעגליך אויסצומיידען די זאַך, וואָרים אָן דער אָפּהאַנדלונג וועט זיך דער בלויז גאָר שטאַרק פילען.

צוליב די דערמאַנטע סיבות דאַרפען מיר געבען אַ קליינע הקדמה, וואָס אייגענטליך וואָלט עס געדאַרפט זיין פאַרשטענדליך אָן דעם אויך, און וואָס איז אויך גילטיג קעגען אַלעם וואָס ווערט אַרויס־געזאָגט אין דער בראָשור, נאָר דאָ דאַרף מען עס באַזונדער אונטער־שטרייכען : אַלעס וואָס ווערט דאָ אַרויסגעזאָגט סיי לשבח און סיי פאַרקערט, איז געריכטעט קעגען די שיטות און אויפפאַסונגען, אָבער באין אופן נישט קעגען די פערזאָנען וואָס האַלטען די דאָזיגע שיטות און אויפפאַסונגען, וואָרים ווי מיר האָבען שוין מערערע מאָל באַטאָנט, איז דאָ נישט די כוונה צו פּאָלעמיזירען, נאָר מברר צו זיין. כדי ריכ־טיגער צו באַצייכענען דעם דאָזיגען פּרינציפּ, וועל איך זיך באַנוצען מיט אַ פראַזע אויסגעבאָרגט דוקא פון די קרייזען פון „רעליגיעזען ציוניזם״ („עין בעין״) : „מיר זיינען נישט פאַר עמיצען אָדער קעגען עמיצען, נאָר פאַר עפּעס און קעגען עפּעס״.

די פראַגע וואָס מיר האָבען אויבען דערמאַנט, איז פאַקטיש קיין פראַגע נישט. ווען מיר זאָלען די שאלה אַנאַליזירען וועט זי זיך שטעלען אין אַזאַ פאָרם : וויאַזוי קענען צוויי ווידערשפּרוכען פון אידעאָ־לאָגישען שטאַנדפּונקט האַרמאָנירען צוזאַמען ? די פראַגע איז אָבער געבויט נאָר אויף דער הנחה אַז די באַהאַנדעלטע טעמע איז באַזירט

אויף לאָגיק, און דעריבער איז קיין קשיא נישט. נישט אַלע דערשיי־נונגען אין אונזער לעבען זיינען געבויט אויף לאָגיק, ובפרט אין אונזער תקופה. ריכטיג האָבען פאַרגליכען די חכמי הקבלה און גדולי החסידות (זעה תורה אור פ׳ וישב ד״ה בשוב ה׳ את שיבת ציון) די גלות תקופה צו אַ חלום „היינו כחולמים״: „דער חלום בינדט צונויף צוויי קעגענ־זאַצען ווי גלייך זיי וואָלטען געווען איינס״.

אין אַ צייט פון גלות און הסתרת פנים קען אַזאַ זאַך געמאָלט זיין. די סתירה אין לאָגיק איז נישט קיין צוריקהאַלט דערפאַר. אינעם לעבען פון די אידען אין אַמעריקע, און נישט נאָר אין אַמעריקע, שטויסען מיר זיך אָן אויף יעדען שריט און טריט אין אַזעלכע דערשיינונגען, וואָס זייער אַבסורד הערגייט ביז לעכערליכקייט. עס איז שוין אויבען דער־מאַנט געוואָרען דער מוסטער פון אַ „כשר׳ע קריסטמעס פאַרטי״, וואָס צו אונזער ווייטאָג איז עס נישט ליידער אַ פיקציע, נאָר אַ פאַקט פון דער טראַגישער ווירקליכקייט. אָדער ווען „אָרטאָדאָקסישע״ שולען אָרגאַנזשירען געמישטע טענץ פון פרויען און מענער צוזאַמען, — אַ טאָג־טעגליכע ערשיינונג וואָס קיינער לייגט שוין מער קיין געוויכט נישט דערויף — דאָ האָבען מיר ווידער פאַר זיך אַזאַ פאַראַדאָקס, אַז צוויי סתירות׳דיגע זאַכען געפינען זיך אין איינעם.

אַצינד צו אונזער ענין: דער פאַקט וואָס עס עקזיסטירט אַ „רע־ליגיעזער ציוניזם״ באַווייזט נישט אַז ער איז לאָגיש אויסגעהאַלטען. מיר האָבען פריער דערמאַנט דעם משל פון חלום, לאָמיר גיין אַביסעל ווייטער: אויך די זעאונג פון אַ חלום איז נישט קיין פאַקטישע זעאונג, עס איז בלויז אַן אויסדוכטעניש. נאָך מער, דער פסוק זאָגט „היינו כחולמים״ (מיט אַ כ״ף הדמיון), נישט מיר האָבען גע׳חלומ׳ט, נאָר מיר האָבען אַזוי־ווי גע׳חלומ׳ט. ווייל דער צוזאַמענטרעף פון די צוויי קאָנטראַסטען איז בלויז אויסערליך. אַז מען פאַרטיפט זיך מער דערין זעט מען אַז די קאָנטראַסטען קענען נישט פאַרקומען מיטאַמאָל, פונקט ווי אַ „כשר׳ע קריסטמעס פאַרטי״ איז אָדער נישט כשר, אָדער עס איז נישט קיין קריסטמעס פאַרטי.

מיר האָבען אויבען דערמאַנט וועגען די צוויי קאַטעגאָריעס „וועגען

וועלכע עס רעדט זיך נישט״. עס מיינט צו זאָגען אַז מיר קענען נישט ברענגען קיין ראיה פון זיי, אָדער זיי אַרויסשטעלען אַלס מוסטער. מען קען אָבער אויך נישט פאַרלייקענען דעם פאַקט אַז די וועלט איז פול סיי מיט די און סיי מיט די, און הגם „מירריידען נישט פון זיי״ מיינט עס אָבער נישט אַז זיי עקזיסטירען נישט. מען קען אפשר זאָגען אַז די פאַרשידענע ריכטונגען אין „רעליגיעזען ציוניזם״ באַלאַנגען צו איינער אָדער צווייטער פון אַט די קאַטעגאָריעס. ווייל ווי מיר האָבען געזאָגט, איז זייער האַרמאָניע בלויז אויסערליך און אילוזאָריש. עס מוז זיין אַז איין צד אָדער דער צווייטער זאָל זיין פעלערהאַפט, אָדער זאָל בכלל נישט עקזיסטירען. אָדער עס פעלט — צי ס׳איז געפעלשט — דער תורה עלעמענט, און דאַן באַלאַנגט עס אין דער ערשטער קאַטעגאָריע פון „רשיעי״. אָדער עס פעלט גאַרנישט נאָר די פאַראייניגונג איז צושטאַנד געקומען (לאָמיר אָנרופען דאָס קינדביים ריכטיגען נאָמען) צוליב ווייניג פאַרשטאַנד, און דאַן באַלאַנגט עס אין דער צווייטער קאַטעגאָריע פון „שופטני״.

כ׳מיין אַז פיר ריכטונגען קען מען איינשליסען אין דער ראָם וואָס מיר רופען אָן מיט׳ן שם הכולל „רעליגיעזער ציוניזם״ און וואָס נעמט אַרום פאַקטיש פיל מער ווי די פאַרטייען וואָס זיינען בפירוש מודה אין זייער צוגעהעריגקייט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג. מיר דאַכט, אַז פון די פיר ריכטונגען איז פאַראַן בלויז איינע וואָס ווייסט קלאָר איר אייגענע השקפה, און הגם נישט אַלעמאָל, אָבער טיילמאָל שרעקען זיך נישט זייערע וואָרטזאָגער מודה צו זיין דערין, פאַרשטייט זיך אַז מיט אַ פאַרשלייערטער שפּראַך.

די דאָזיגע ריכטונג איז מסכים בפה מלא — צי זיי זיינען מודה דערין אָדער נישט — צו די שטרעבונגען פון ציוניזם און פון דער מדינה: צו טראַנספאָרמירען דעם מהות פון כלל ישראל אויף אַ „פאָלק צווישען פעלקער״, ביי וועמען „רעליגיע״ איז אַ פּריוואַט זאַך, נאָר מיט דעם אונטערשיד וואָס דער דאָזיגער קרייז די דאָזיגע ״פּריוואַט זאַך״, און זייער „פּריוואַטע מיינונג״ איז פּאָזיטיוו אין באַצוג צו דת.

אָדער, אויב מיר זאָלען זיך באַנוצען מיט דער פראַזע פון ד״ר ברייער, זיי זיינען מסכים צו דעם אַז אין דעם ריזיגען בנין פאַר דער עבודה זרה זאָל אויך ווערען אָפּגעטיילט אַ צימערל פאַר הקדוש ברוך הוא, נאָר זיי ווילען וואוינען אין דעם דאָזיגען צימערל, און זיי ווילען אויך אַז דאָס דאָזיגע צימערל זאָל פאַרנעמען אַ בכבוד׳יג אָרט אין דעם עבודה זרה בנין און זאָל אנערקענט ווערען אַלס אַ וויכטיגער טייל. שליסליך זיינען זיי אָבער מודה אַז ״דת״ איז בלויז אַ ״חדר׳ל״ אין דעם גרויסען נאַציאָנאַלען בנין.

טריי צו דער דאָזיגער שיטה זעט אָט דער קרייז אין מדינת ישראל אַן ״אתחלתא דגאולה״ און ממילא אויך דעם סוף פון גלות, און די נויטוועגדיגקייט צו ״מאַכען נייע רעליגיעזע פאָרמען״ וואָס זיינען נישט געבונדען מער צום גלות׳דיגען שלחן ערוך, און דערפאַר דאַרף מען אויך באַנייען די סנהדרין וכו׳ וכו׳.

נישט אַריינצוגיין אין דער וועלט אויפפאַסונג פון די וואָס האַלטען פון דעם צוגאַנג, וועלען זיי אַליין מוזען מודה זיין אַז פון שטאַנדפּונקט פון ״שולחן ערוך אידישקייט״ איז זייער שיטה זייער אַ ווייטער אָפּנויג. די פאָדערונג זייערע צו שאַפען ״נייע רעליגיעזע פאָרמען״ און דאָס נעגירען דעם גלות רירט אָן אין די יסודות האמונה פון ״שולחן ערוך אידישקייט״. ווייל לויט דער אידישער השקפה איז אויך מדינת ישראל אַ גלות, אַ טאָפּעלטער גלות, אַ גלות בתוך גלות. די ״אתחלתא דגאולה״ און די גאולה שלימה וועט נישט קומען נאָר דורך אליהו און משיח, און ממילא איז פאַלש די פאָדערונג צו ״שאַפען נייע פאָרמען״ צוליב דער טענה פון ״אתחלתא דגאולה״, נישט ווייניגער ווי ס׳איז געווען פאַלש די פאָדערונג פון די רעפאָרמער ״צוצופאַסען נייע פאָרמען צו דער מאָדערנער עראַ״ מיט אַרום הונדערט יאָר צוריק.

נישט מיר דאַרפען אַרויסטראָגען אַן אורטייל אויף יענע מענטשען וואָס קלאַמערן זיך אין דער שיטה, אָבער עס איז קלאָר אַז זייער שיטה דאַרף אַריינגערעכענט ווערען אין דער ערשטער קאַטעגאָריע. ביי זיי איז דער ציוניסטישער אַספּעקט גאַנץ, און דער תורה אַספּעקט פעלערהאַפט.

אָבער נישט אַלע ריכטונגען אין „רעליגיעזען ציוניזם" האָבען דעם מוט און די קלאָרקייט ווי די דערמאנטע ריכטונג. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס ווילען זען אין דער מדינה אַן „אתחלתא דגאולה", אָבער זיי זיינען אויך נישט גרייט מוותר צו זיין אויף דער „לאַסט" פון שולחן ערוך. עס איז קיין ספק נישט אַז אין זייער האַרץ גנב'ענען זיך אַריין ספיקות אין דער אמונה אין ציוניזם און אין דער ציוניסטישער „אתחלתא דגאולה", זיי זיינען אָבער נישט מסוגל — אָדער זיי האָבען נישט דעם מוט — זיך קלאָר צו מאַכען זייער אייגענע השקפה, און דעריבער בלייבען זיי ווי הענגען אין דער לופט. אַלע טענות שטופען זיי אָפּ מיט מליצות און מאמרי חז"ל וועגען דער חשיבות פון ארץ ישראל, לשון הקודש, כלל ישראל „כבשה אחת בין שבעים זאבים" וכו'.

אוודאי זיינען די אַלע מאמרי חז"ל אמת, און ווי מיר האָבען פריער געשריבען איז ארץ ישראל, פאָלק ישראל און לשון הקודש נישט בלויז אַ דבר שבקדושה, נאָר אַ טייל פון דער בריאה. אָבער די טענות וואָס יענע שטעלען אַרויס דורך די מאמרי חז"ל האָבען גאָרנישט צו טאָן צו דער עצם זאַך. קיינער איז נישט מחולק וועגען דער קדושה פון ארץ ישראל — און אוודאי נישט די „נטורי קרתא" וועלכע זיינען אַריינגעוועבט אין הייליגען לאַנד און באַהאַפטען צו איר פון דורות. נאָר דאָס אַלץ איז אַ באַזונדערע זאַך. עס איז פונקט ווי יענער בטל־נישער רב וואָס מ'האָט אים געפרעגט אַ שאלה אויף אַ בהמה, האָט ער געזאָגט אויב דאָס איז אַ לונג איז עס כשר, נאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז דאָס איז גאָר געווען אַ לעבער...

צו וואָס איז דאָס גלייך? צו דער „שלום" פּראָפּאַגאַנדע פון די קאָמוניסטען. אויב איינער וועט קומען ברענגען ראיות פון די חז"ל אַז „גדול השלום", איז אוודאי אמת אַז שלום איז אַ גרויסע זאַך, אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם „שלום" וואָס עס פּרעדיגט כרושטשעוו להבדיל. די קעגנערשאַפט צו ציוניזם און צו דער מדינה איז נישט געקומען פון קעגנערשאַפט צום הייליגען לאַנד און צו מצות ישוב ארץ ישראל (אפילו לויט די פּוסקים אַז דאָס גייט נישט אָן בזמן הזה און עס איז נישט פון דער מנין המצוות), און אוודאי שטאַמט דאָס נישט

ח״ו פון שנאה צום כלל ישראל. נאָר פאַרקערט: צוליב דער זאָרג פאַר דער טהרה און קדושה פון די באַגריפען וואָס דער ציוניזםליידיגט זיי אויס פון זייער קדושה און גיט פאַר זיי אַ פרעמדען מהות. טאַקע די ראיות פון די חז״ל וועגען קדושת ארץ ישראל דווקא זיי פאָדערן צו זיין קעגען ציוניזם. און אויב עס איז פאַראַן אַ קרייז וואָס וויל באַרעכ־טיגען זיין פייערדיגע שטיצע צום ציוניזם (אונטער יעדען נאָמען) אָנ־שפאַרענדיג זיך אויפ׳ן „שולחן ערוך״, איז דאָס אַבסאָלוט פאַלש, און עס שטאַמט פון געדאַנקליכער נישט־דערוואַקסנקייט. אַזאַ שיטה (ווידער אַמאָל נישט די פערזאָנען נאָר די שיטה) באַלאַנגט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע פון „שופטני״. ווייל זייער חסרון באַשטייט אין אומקלאָרקייט און אין נישט פאַרשטיין די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע.

אַט די ריכטונג וואָס באַמיט זיך אַריינצושטופען די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע אין דער ראַם פון „שולחן ערוך״ פירט טיילמאָל צו משונה־דיגע גראָטעסקען און לעכערליכקייטען, ווי למשל די „ברענענדע״ שאלה „וויאַזוי איז מען זיך נוהג אין יום העצמאות וואָס געפאַלט אין תענית שני בתרא פון בה״ב?״ — אַ שאלה וואָס איז פאַקטיש געשטעלט גע־וואָרען מברר צו זיין מיט עטליכע יאָר צוריק, און נישט אַלס „פורים־שפיל״ נאָר אין אַ גאָר „ערנסטער״ פאָרם. אויך דאָס באַווייזט אַז די ריכטונג באַלאַנגט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע.

די דריטע קאַטעגאָריע באַשטייט פון די סימפּאַטיקער פון „רע־ליגיעזען ציוניזם״, דער המון עם וואָס ווערט נאָכגעשלעפּט נאָך זיי. פאַקטיש איז די קאַטעגאָריע ענליך צו דער צווייטער קאַטעגאָריע, נאָר זיי זיינען מער פרימיטיוו און עס איז פאַראַן צווישען זיי עטוואָס מער תמימות. אַט דער קרייז שלעפּט זיך נאָכ׳ן „רעליגיעזען ציוניזם״ דערפאַר ווייל דאָס איז פאַר זיי באַקוועמער, סיי פאַר׳ן גוף און סיי פאַר׳ן נפש. מיט אַט דעם קרייז איז נישטאָ קיין אָרט צו פירען וויכוחים, ווארים עס האַנדעלט זיך נישט ביי זיי אין קיין אידעאָלאָגיע, און כל זמן די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס וועלען עקזיסטירען, וועלען אויך זיין מאַסען נאָכשלעפּערס.

די פּערטע קאַטעגאָריע באַשטייט פון גאָר אַן אַנדערען כאַראַקטער. זיי ווייסען דעם מהות פון ציוניזם און פון דער מדינה, און אַז דאָס איז אין קעגענזאַץ צו דער תורה. נאָך מער, אפילו אין דעם „כשר׳ן" טייל פון ציוניזם — אין בנין הארץ — האָבען זיי כמעט גאָרנישט געטאָן. און ווען עס לוינט זיך זיי, באַהאַלטען זיי אפילו נישט אויס זייער נעגאַטיווע באַציאונג צום ציוניזם. אָבער וויבאַלד זיי האָבען באַמערקט אַז אפילו דער וואָס איז נישט געקומען בויען דאָס לאַנד קען אויפגעריכט ווערען אין דער מדינה, זיינען זיי אויך אַרויפגעשפרונגען אויפ׳ן וואָגען... צוליב חשבונות פון ריין פּאַרטייאישע אינטערעסען און פּראָפּיטען איז ווי איבער־נאַכט אויפגעשוואומען אַ נייע „אידעאָלאָגיע" — עפּעס אַ סאָרט נייע אויפלאַגע פון דער צווייטער ריכטונג, מיט דעם בלויזען אונטערשיד, וואָס ביי דער צווייטער ריכטונג איז דאָס אַנטשטאַנען צוליב תמימות אָדער מאַנגעל אין לאָגיק, דאָ אָבער איז דאָס געקומען דורך קאַלטער אויסרעכענונג. און כדי אַנצוקליידען די דאָזיגע קאַלקולאַציע אין אַ מאַנטעל פון אידעאָלאָגיע איז געשאַפען געוואָרען אַ שיטה פון: ציוניזם — נישט; מדינה — יאָ! אויך די לאָזונג וועגען וועלכער מיר האָבען אויבען גערעדט „קעגען דער רעגירונג, אָבער נישט קעגען דער מדינה" שטאַמט פון אָט דעם קרייז.

אויך מיט דעם קרייז האָט נישט קיין זין צו פירען קיין אידעאָלאָגישע וויכוחים. עס איז יאָ פאַראַן אָרט צו פירען אַ וויכוח פון פּאַרטייאיש־פּאָליטישען שטאַנדפּונקט, וואָרים אָט די גאַנצע אידעאָלאָגיע איז געבויט בלויז אויף אַזעלכע אינטערעסען, אָבער נישט דאָ איז דאָס אָרט דערפאַר. די תירוצים אויף די „קשיות" כלפי אָט דער „אידעאָלאָגיע" זיינען באַוואוסט פאַר די מנהיגים פון דעם קרייז נישט ווייניגער ווי פאַר אַנדערע. נאָך מער, ווי געזאָגט, ווען עס לוינט זיך זיי צוליב זייערע אינטערעסען, שטעלען זיי אַרויס די זעלבע אידעאָלאָגיע אַלס די ריכטיגע שיטה פון אַנטי־ציוניסטישער קנאות.

און וויל יעדער איד וויל אינערליך טיף אין האַרצען זיין טריי צו דער תורה, דעריבער זאָל מיר דערלויבט זיין צו עצה׳ן יעדען

וואָס קומט אין קאָנטאַקט מיט אַט דעם קרייז אַט וואָס: ווען זיי ריידען וועגען זייער „ציוניזם" און „פּאַטריאָטיזם" גלויבט זיי נישט!

צום שלוס זאָל דאָ געזאָגט ווערען אין קורצען: „רעליגיעזער ציוניזם" איז אַ פּאַראַדאָקס און ווידערשפּרוך. סיי דער ציוניזם און סיי די מדינה זיינען אין קעגענזאַץ פון דער תורה השקפה. אַלע מאמרי חכמינו ז"ל וואָס ריידען בשבח פון ארץ ישראל, אויף וועלכע זיי פּאַררופען זיך שטענדיג, ענדערען נישט דעם פאַקט וואָס איז אויבען אויספירליך אַרויסגעבראַכט געוואָרען, אַז די מדינה איז די קרוין־דערגרייכונג פון ציוניזם און עס דינט אַלס וויכטיגער פאַקטאָר און הויפּט אינסטרומענט צו זייער איינציגער און צענטראַלער שטרעבונג: צו פאַרוואַנדלען דעם מהות פון כלל ישראל אין אַ גוי ככל הגוים!

יט.

וואָס איז דער אויסוועג

פון דעם אַלעם וואָס איז געזאָגט געוואָרען ביז אַהער, שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס תורה אידענטום און די מדינה זיינען צוויי אַבסאָלוט קעגענגעזעצטע עקסטרעמען. דאָס תורה אידענטום וועט קיינמאָל נישט קענען שלום מאַכען מיט'ן ציוניזם און וועט קיינמאָל נישט אנערקענען די מדינה „דע־יורע". דער ציוניזם און די מדינה וועלען קיינמאָל נישט קענען שלום מאַכען מיט דער עקזיסטענץ פון אַ אידענטום וואָס זעט דעם כלל ישראל אין זיין אָריגינעלען מהות, ווארים אויב דער ציוניזם זאָל דאָס טאָן, דאַן פאַרלירט ער דעם גאַנצען באַדען אונטער די פיס.

טאָ וואָס איז די לייזונג פון פּראָבלעם?

דער ענטפער וואָס דער שרייבער פון די שורות וועט דאָ אָנגעבען וועט מסתמא אַנטוישען פילע, אָבער עס איז ליבער צו זיין אויפריכטיג מיט זיך אַליין. דער ענטפער איז: עס איז נישט פאַראַן דערצו קיין

לעזונג אין דעם מענטשענ׳ס מעגליכקייט — אויב מען מיינט אַ ראַדיקאַלע לעזונג.

עס איז נישט די איינציגע פראַגע אין דער וועלט, און אפילו נישט בלויז אין דער אידישער וועלט — וואָס עס זעט זיך נישט פאַר איר קיין ענטפער. אין דער גאַנצער גלות תקופה פון אידישען פאָלק, ווען אין זיין שפיץ זיינען געשטאַנען מנהיגי אמת, האָט דער כלל ישראל אפילו איינמאָל נישט פאַרמאָסטען זיך צו „לייזען די אידען־פראַגע", אָדער וועלכע עס איז אַנדערע וועלטס־פּראָבלעם. דאָס איז אין די הענט פון באַשעפער. אַלע אַקציעס פון אידישער שתדלנות אין משך פון אַלע גלות־יאָרען — און עס זיינען געווען צווישען די דאָזיגע „שתדלנים" מענטשען מיט ברייטען קוק, שוואונג און חכמה, לכל הדעות נישט ווינציגער ווי די היינטיגע „גרויסע אידישע פּאָלי־טישענס" — זיינען קיינמאָל נישט געווען געצילט צו „לייזען די אידען פראַגע". דאָס שתדלנות איז אַלעמאָל געווען אָפּצושרייען אָדער לייכטער צו מאַכען אַ גזירה דאָ און דאָרט, און אַרויסצוקריגען געוויסע רעכטען דאָ און דאָרט. די אמת׳דיגע מנהיגי ישראל האָבען געוואוסט אַז נישט זיי זיינען דאָס די וואָס שאַפען די פּראָבלעמען און נישט אויף זיי ליגט די אויפגאַבע צו געפינען די לעזונגען.

פון פאַרשידענע זייטען זיינען שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרען עט־ליכע ראַדיקאַלע לעזונגען, און עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלען אויף זיי אין קורצען, אפילו נאָר בלויז אַלס קוריאָז. נאָך מיט 8—9 יאָר צוריק האָט פאָרגעשלאָגען אַ טעגליכע צייטונג אין דער דייטשער שפּראַך וואָס ערשיינט אין תל־אביב (וועלכע שטייט נאָענט צו די קרייזען פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי) אויפצושטעלען אַ גרויסען קאָנצענטראַציע־לאַגער ערגעץ־וואו אין נגב, און באַזעצען דאָרט אַלע „נטורי קרתא"... דעם דאָזיגען פאָרשלאַג האָבען דערנאָך ווידערהאָלט די קרייזען פון די „בנעניים" און אויך אַנדערע קרייזען. ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אַרויס אַ שרייבער (וועלכער רעכענט זיך דוקא אַלס „רעליגיעזער"...) אין „פאָרווערטס" (ז׳ כסלו תשי"ט) מיט אַ פאָרשלאַג: אויסצושניידען דעם קענסער וואָס רופט זיך „סאַטמאַר"

פון גוף פון אידישען פאָלק, אַ פאָרשלאַג וואָס זיין פשוט'ער טייטש איז, אַז דער קאָנצענטראַציע־לאַגער זאָל אויך זיין אַן אויסראַטונגס־לאַגער, וואָרים מען קען דאָך נישט אויסשניידען קיין קענסער נאָר מיט אַ מעסער.

די אַלע פאָרשלאגען אָבער, אפילו ווען זיי זאָלען ווען עס איז אַמאָל אָנגענומען ווערען, זיינען אפילו נישט קיין אָנהויב פון דער לייזונג. אפילו ווען מען זאָל אַריינזעצען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער נישט בלויז די „נטורי קרתא", נאָר אפילו אַלע הונדערט און פופציק טויזענט ירושלים'ער איינוואוינער, וועלען מאָרגען אויסברעכען צו־זאַמענשטויסען אין חיפה, אין בני ברק, אין פרדס חנה, אין חדרה, און אין ערטער וואו מען האָט נישט גערעכענט דערויף. וואָרים די „נטורי קרתא" באַנוצען זיך אפשר מיט שאַרפערע מיטלען ווי אַנדערע, אָבער — ווי עס איז שוין אויבען אַרויסגעבראַכט געוואָרען — אין גרונט גענומען זיינען מסכים מיט זיי אַזויפיל אידען וואָס עס איז זיי נישט מעגליך אַריינצוזעצען אין קאָנצענטראַציע לאַגערן, ווייל נישט די „נטורי קרתא" האָבען געשאַפען דעם קאָנטראַסט צווישען תורה און ציוניזם, נאָר אָט דער ווידערשפרוך נעסטעט אין דעם עצם התורה פון איין זייט, און אין ציוניזם פון דער אַנדערער זייט.

פון צווייטען עקסטרעמען צד הערט מען פון צייט צו צייט אַ פאָרשלאַג אויפצושטעלען אַן אינטערנאַציאָנאַלען רעזשים אין ירושלים, אָדער צוטיילען אַ ספּעציעלען סטאַטוס אונטער דער שוץ פון דער יו־ען פאַר די חרדישע אידען וואָס ווילען נישט זיין בירגער פון דער מדינה. אין צוגאָב צו דעם וואָס אָט דער פאָרשלאַג האָט וויניגער אויסזיכטען אָנגענומען צו ווערען ווי די פריערדיגע צוויי פאָרשלאָגן איז אפילו ווען דאָס זאָל אָנגענומען ווערען, וועט דאָס אפשר ברענגען בלויז אַ געוויסע פאַרלייכטערונג אין דער לאַגע פון פיל אידען, אָבער עס וועט נישט לייזען די עצם פראַגע. דער שרייבער פון די שורות גלויבט נישט אַז אפילו ווען די זאַך זאָל דערגרייכט ווערען וועלען אפילו די נטורי קרתא פון ירושלים אַליין אויפהערען מוחה צו זיין קעגען דער מדינה, און אוודאי נישט די אַנדערע אידען אין ארץ ישראל

און אין חוץ לארץ, וואָרים די קאָנטראַסטען און די צוזאַמענשטויסען וועלען דערמיט נישט אָפּגעשאַפט ווערען.

דער אמת איז, ווי געזאָגט, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין ראַדיקאַלע לייזונג. די איינציגע זאַך וואָס קען דערגרייכט ווערען — און דאָס קען דערגרייכט ווערען מיט גוטען ווילען — איז דאָס וואָס מען רופט „מאָדוס וויווענדי״, אַ לעבענס־צופּאַסונג וואָס זאָל פאַרמיידען אויף ווי ווייט מעגליך דאָס אויפרייצען די געמיטער. די איניציאַטיוו דערצו דאַרף קומען פון די קרייזען פון דער רעגיגרונג: צוריקהאַלטען זיך פון שאַפען געזעצען און פאַראָרדענונגען וואָס צילען דירעקט אונ־טערצוגראָבען די תורה; באַפעלען פאַר דער פּאָליציי צו באַנעמען זיך מענטשליך א. א. וו. און ווי ווינציגער די רעליגיעזע פּאָליטישענס וועלען זיך אַריינמישען, וועט עס אַלץ בעסער זיין. קלאָר אַז אַ צופּאַסונג צום מצב איז נישט קיין לייזונג און אוודאי נישט קיין ענדגילטיגע לייזונג. וואָרים לויט'ן דעת תורה איז פאַראַן נאָר איין איינציגער וועג וואָס פירט צו אַ פולשטענדיגער לייזונג: דער וועג פון תשובה, וואָס דאָס מיינט קיום התורה סיי טעאָרעטיש און סיי אין דער פּראַקטיק. אַן אויפגאַבע וואָס אפילו די גאַנץ ערליכע גיבען נישט דערפאַר די גענוגענדע אויפמערקזאַמקייט איז: דאָס פאַרשפּרייטען תורה'דיגע אמונה, די השקפה פון דער תורה און קיום המצות אומעטום, אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ, אויפ'ן פערזענליכען און אינדי־ווידועלען באַזיס וכו׳.

ביי פילע וועט אפשר אויסקוקען דאָס אָנווייזען אויפ'ן דרך התשובה אַלס זיכערן וועג צו דער „אַלגעמיינער לייזונג״ ווי אַן אור־טאָפּיע, עפּעס אַ מין בחינה פון „שכר מצוה בהאי עלמא״, אַ געמיש פון גייסטיגע — און אפילו מיסטישע — פאַקטאָרן מיט ערדישע ענינים. פונדעסטוועגען זעט זיך אַן דווקא אין אונזער תקופה דער קשר צווישען די זאַכען מער פילבאַר און פּראַקטיש ווי ווען עס איז פריער, און אפילו אין דער נישט־אידישער וועלט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז כדאי צו דערציילען אַן עפּיזאָר וואָס האָט זיינערצייט אַרויסגערופען גרויס פּובליסיטי: מיט אַ יאָר

צוריק לערך, איז אין ניו יאָרק דורכגעפירט געוואָרען אַ סימפּאָזיום, אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט די גרעסטע וויסענשאַפטלער אויפ'ן געביט פון פּרעציזער וויסענשאַפט, ווי למשל נוקלעאַרע פיזיק, מעדיצין, ספּעיס־רייזעס, כעמיע וכדומה. די טעמע וואָס איז באַהאַנדעלט געוואָרען איז געווען „די צוקונפטיגע הונדערט יאָר". דער שרייבער פון די שורות איז צופעליג אַנוועזענד געווען ביי די דע־באַטעס. די וויסענשאַפטלער וואָס האָבען געהאַלטען לעקציעס זיינען געווען מענטשען וואָס זייער אַרבעטס געביט איז אַ לאַבאָראַטאָריע, אַ טעלעסקאָפּ א. א. וו. עס איז נישט געווען צווישען זיי קיין איינציגער פון „גייסטיגער וויסענשאַפט", נישט געווען דאָרט קיין איין פילאָזאָף, קיין פּאָעט, קיין היסטאָריקער, און אוודאי איז דאָרט נישט געווען קיין טעאָלאָג. עס איז הייסט עס באַשטאַנען פון אַ גרופּע מענטשען וואָס זיינען ווייט פון יעדער „מעטאַפיזישער" נייגונג.

פונדעסטוועגען האָבען אַלע וויסענשאַפטלער וועלכע האָבען גע־האַלטען די לעקציעס ווידערהאָלט איין און דעם זעלבען פונקט, כאָטש זיי האָבען זיך נישט פריער צוזאַמענגערעדט צווישען זיך, אַז: די צוקונפט פון דער מענטשהייט הענגט אָפּ צום אַלעם ערשטען אין דער גייסטיגער שטאַרקייט; די הויפּט פּראָבלעם פון דער מענטשהייט היינט צו טאָג איז די מאָראַל, און אַלע אַנדערע אַספּעקטען — סיי אין דער וויסענשאַפט און סיי אין דער פּאָליטיק — זיינען בלויז רעזולטאַטען און נישט קיין סיבות.

איך האָב געבראַכט דעם ביישפּיל כדי צו ווייזען אַז אפילו די נישט־אידישע וועלט פאַנגט אָן איינצוזען דעם דירעקטען קשר צווישען די גייסטיגע און מאָראַלישע ווערטען צו דער צוקונפט פון דער וועלט. אָדער — צו פאָרמולירען דעם געדאַנק אין אידישע טערמינען — דער צוזאַמענהאַנג פון תשובה צו דער פּראַקטישער צוקונפט פון דער וועלט איז נישט בלויז אַ גייסטיג־מעטאַפיזישער, נאָר אַ רעאַלע ווירק־ליכקייט. תשובה איז דער איין און איינציגער וועג וואָס פירט צו דער „אַלגעמיינער לייזונג" און וואָס איז רעאַליזירבאַר. לויט דער השקפה פון דער תורה איז נישטאָ און עס קען נישט זיין נאָר איין

איינציגע לייזונג, וואָס דאָס איז אויך דורכפירבאַר און עס איז אַן „אַלגעמיינע" לייזונג צו אַלע פּראָבלעמען וואָס זיינען אויפגעקומען אין אַלע יאָרען פון גלות.

„ואם יעמוד מלך מבית דוד הוגה בתורה ועוסק במצוות כדוד אביו כפי תורה שבכתב ותורה שבעל פה ויכוף כל ישראל לילך בה לחזק בדקה וילחום מלחמות ד׳, הרי זה בחזקת שהוא משיח... ויתקן את העולם כולו ולעבוד את ד׳ ביחד שנאמר „כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא בשם ד׳ ולעבדו שכם אחד" (רמב"ם ה׳ מלכים פי"א).
...ואף על פי שיתמהמה עם כל זאת אחכה לו בכל יום שיבא...

א י נ ה אַ ל ט :

פאָרוואָרט ....ה
קורצע ביאָגראַפיע פון מחבר.................. ....ז
א. דער צוועק פון דער דאָזיגער בראָשור..............יג
ב. וואָס איז „מדינת ישראל״ ?...........................יז
ג. וואָס מיינט „ציוניזם״ ?...................................יט
ד. וואָס מיינט כלל ישראל ?................................כא
ה. ארץ ישראל און לשון הקודש............................כג
ו. „נהיה כגוים״...כו
ז. וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט „רעליגיע״ אין ציוניזם..........לב
ח. גלות און גאולה...לח
ט. עברית און לשון הקודש....................................מא
י. פאַרוואָס איז דער ציוניזם אַזוי מצליח..................נא
יא. דאָס חרדישע אידענטום...................................נב
יב. די באַלפור דעקלאַראַציע..................................נד
יג. דער חורבן און די יאָהרען דערנאָך......................סא
יד. די מדינה ווערט אַ ווירקליכקייט.........................סד
טו. די מדינה אַלס רעאַליטעט.................................סז
טז. מדינה און ציוניזם זיינען איינס און דאָס זעלבע............עה
יז. מיינונג פאַרשידענהייטען................................עו
יח. „רעליגיעזער ציוניזם״.....................................פא
יט. די לעזונג פון פראָבלעם....................................פט
יט. וואָס איז דער אויסוועג.....................................פט